STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11153

ALE VERK

Abraham Reisen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

אַלע ווערק

אין צוועלף בענדער.

ערשטער באנד:

ערצעהלונגען

פערלאג „דאָס נייע לאנד“
ניו יאָרק, 1912

דרוק פון א. גרייזעל.
277

Copyright applied for

אַלע רעכטע פאַרבעהאלטען.

ערשטער באנד

ערצעהלונגען.

די פערוואנדלונג.

דוד לייקין איז שטיל ארויס פון זיין צימער, און כדי די ווירטהין זאָל ניט הערען אז ער געהט ארויס, האָט ער די טיהר געלאָזען ניט פערמאכט און דער גאנצער וועג האָט איהם געפלאָגט דער געוויסען: אימיצער וועט נאָך אריינגעהן און ביי דער יונגער פרוי עפּעס גנב'ענען.

ער האָט אָבער אנדערש ניט געקענט: שוין עטליכע טעג זייט דער מאָנאט איז אריבער און ער האָט נאָך איהר די דירה געלד נישט בעצאָהלט. נאָך איירנעכטען האָט איהם דאָס יונגע ווייבעל אויפמערקזאם געמאכט, אז זי דארף נויטיג געלד, ווייל דער מאַן איז אין וועג און ער וועט קיין געלד ניט שיקען ביז ער וועט קומען.

לייקין האָט איהר פערשפּראָכען נאָך אויף נעכטען געלד צו ברענגען. ער איז געקומען בכיון צוויי אוהר ביינאכט, שטיל אריין אין צימער, שטיל זיך אויסגעטהאָן און די גאנצע נאכט געמאכט פּלענער, ווי אזוי צו בעקומען פאר איהר די עטליכע רובעל...

פון די אלע פּלענער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן לעצטען: ער וועט אויפזוכען יאַקובאָוויטשען, זיינעם אַן אמאָליגען חבר און ביי איהם באָרגען אַ צעהן רובעלדיגע. אז יאַקובאָוויטש וועט איהם באָרגען, איז ער געוועזען זיכער, יענער איז איצט אָנגעשלאָגען מיט געלד, איז נאָך אַ בחור, און לויט ער האָט געהערט, פערשווענדעט ער אַ סך געלד און לעבט אויף אַ ברייטען פוס. אמת, די לעצטע צייט איז זייער פריינדשאפט אביסעל אָבגעקיהלט, אָבער שולדיג איז ער, לייקין, אליין: ער וויכט איהם אליין אויס, פּונקט ווי ער וואָלט קעגען איהם שטאָלצירט מיט זיין אָרימקייט.

עס איז ווירקליך פון מיין זייט אַ שוואכהייט — האָט ער

זיך גע'מוסר'ט פאר זיין קאלטע בעציהונג די לעצטע צייט צו זיין קינדהייטס חבר יאקובאוויטשען. — אמת, ער איז א קאריע־ריסט געוואָרען, האָט פערראטען דעם אידעאל, אָבער נאָך אלעם איז ער דאָך פאָרט אַן אינטעליגענטער מאַן מיט וועמען מען קען זיך טוישען מיט די מיינונגען און מען קען גאנץ געמיטליך פערברייג־גען מיט איהם.

און לייקינ'ס הארץ איז פול געוואָרען מיט פריינדשאפט און ליעבע צו זיין געוועזענעם חבר און ער האָט אויף זיך גענומען, צו־ריק בעגייען זייער אלטע פריינדשאפט.

עס איז געווען א שעהנער פריהלינג־טאָג, די זון האָט די גאנצע גאס בעגאָסען מיט א מילדען ליכט און צערטליכען שיין. לייקין האָט זיך דערפיהלט ווי ניי־געבאָרען. אין זיין הארצען האָבען זיך אויפגעהאפט געפיהלען פון ליעבע צו אלץ וואָס לעבט און אָטהעמט ארום איהם. ער האָט יעדען פארבייגעהענדען ארייננגע־קוקט פריי און אָפען אין די אויגען אריין, ווי ער וואָלט יעדען בעגריסט און געוואונשען א גליקליכען טאָג. דערזעהענדיג א בעט־לער מיט א ווייסער באָרד ביי א ראָג גאס, האָט ער איהם אוועק־גענעבען די לעצטע צוויי קאָפּיקעס און ווען יענער האָט איהם גע־וואונשען לאנגע יאָהר דערפאר, האָט לייקין דערפיהלט, אז די גאנצע וועלט איז פול מיט ליעבע און אז ער און דער בעטלער, און דער חבר, צו וועלכען ער געהט איצט — אז אלע זיינען געקניפּט און געבונדען און אז אלע זיינען ברידער!

ער איז וואָס ווייטער אלץ אויפגעלייגטער געוואָרען, אין זיין הארץ האָבען ערוואכט שוין לאנג פערקלונגענע טענער. עפּעס האָט דאָרט געזונגען אימיצער א הימן דער וועלט, דער מענשהייט און דער ליעבע...

ער איז געוואָרען בעגייסטערט און בעמערקענדיג נעבען זיך א קליין קינד, וואָס איז געפאלען און זיך אָבגעשלאָגען, האָט ער עס אויפגעהויבען, געקושט אין די הענטלאך, געגלעט דאָס קעפּעלע און גערעדט:

— שא, מיין קינד, וויין נישט, נא דיר א צאצקעלע.

און האָט אוועקגעשענקט זיין מעשענע פושקע פון פאַפּיראָסען.

די מוטער, וועלכע איז גלייך צוגעקומען צום קינד, האָט פריינדליך פּראָטעסטירט:

— אַ דאַנק, צו וואָס? מען דאַרף ניט... אַ שאָד!

— זאָל ער זיך שפּיעלען, אדרבא... אַ פיין קינד... איך האָב נאָך איינע... עס איז אַ ביליגע פושקעלע...

און ער איז אַ גליקליכער אוועק ווייטער.

אָבגעהענדיג אַ ביסעל ווייטער האָט ער דערזעהען אַ טרעגער מיט אַ גרויסען פּאַק אויף די פּלייצעס. ער האָט בעמערקט ווי דער פּאַק האָט זיך אַראָפּגערוקט און דער טרעגער זוכט מיט די אויגען אַ מענשען, וואָס זאָל איהם אונטערהויבען העכער דעם פּאַק.

אַ גליקליכער איז לייקין צוגעלאָפען צום טרעגער און אויסגערופען:

— ר׳ איד, העלפען אייך?

און גלייך האָט ער זיך גענומען אונטערהויבען דעם שווערען פּאַק אויף די אָרימע פּלייצעס פון טרעגער.

דער טרעגער האָט איהם אונטער דער נאָז בעדאַנקט. לייקין איז געוואָרען נאָך מעהר גערוהרט און האָט בעשלאָסען אין גאַנצען נעהמען אויף זיך דעם פּאַק... פאַר וואָס טאַקי ניט?

— איהר ווילט, ר׳ איד, גיט מיר דעם פּאַק, איך וועל טראָגען...

נאָר דאָס האָט דער טרעגער ניט געוואָלט:

— מען וועט לאַכען... האָט דער טרעגער מאָטיווירט, עס פּאַסט ניט פאַר אייך...

לייקין האָט שוין אָבער דעם טרעגער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט איהם בעגלייט ביז׳ן בעשטימטען אָרט און האָט איהם אַלע וויילע אונטערגעהויבען דעם פּאַק, און זיך געפיהלט זעהר גוט און גליקליך געשטימט.

— יאָ, מענשען דאַרפען איינע די אַנדערע העלפען! — האָט ער געמורמעלט — אויף ליעבע און מיטגעפיהל שטעהט די וועלט...

יאקובאָוויטש'ען האָט ער בעגעגענט ווען יענער איז ארויס פון זיין צימער אויף דער גאַס.

— איך געה טאַקי צו אייך! — האָט לייקין דערזעהענדיג אידם ארויסגעהן, איהם אָבגעשטעלט מיט א שמייכעל.

יאקובאָוויטש האָט איהם קאַלט דערלאַנגט די האנד און עפּעס א מורמעל געטהאָן.

לייקין, נאָך אַלץ א גוט געשטימטער, האָט זיין חבר'ס קאַלט־קייט נישט בעמערקט. ער האָט בעטראַכט זיין חבר און צופרידען זיך אָנגערופען:

— איהר זעהט אויס זעהר גוט! זעהר פיין!

ער האָט אויף איהם געקוקט מיט פריינדליכע בליקען און איז ווירקליך געווען צופרידען, וואָס יאקובאָוויטש זעהט אויס אזוי גוט און געהט אזוי רייך געקליידעט.

— וואָס הערט מען ביי אייך? האָט יאקובאָוויטש ווי פון יוצא וועגען עפּעס געפרעגט.

— אזוי! — האָט לייקין, נאָך אַלץ בעהערשט פון דער פריהעריגער שטימונג, צופריעדען געענטפערט — עס לעבט זיך גאַנץ אינטערעסאַנט!

יאקובאָוויטש האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און טרוקען גע־זאָגט:

— אָט דאָ דארף איך אריינגעהן. אדיע!

— שוין? — האָט לייקין געפרעגט... איהר האָט קיין צייט ניט... נו, עס מאַכט ניט אויס... א צווייטען מאָל.

ער האָט טיעפער אָן אָטהעם געטהאָן און זיך געווענדעט שנעל:

— איך וויל, איהר זאָלט מיר באָרגען א צעהן רובעלדיגע...

יאקובאָוויטש איז דאָ רויט און דאָ בלאַס געוואָרען, די ווינק־לען פון מויל האָבען אויפגעציטערט, און האָט ווי בייז ארויסגע־ברומט:

— ווי קימט צו מיר אזוי פיעל געלד! — איך האָב ניט, כ'לע־בען...

לייקין האָט אַ ציטער געטהאָן, געוואָלט עפּעס ענטפערען, נאָר די צונג האָט איהם ניט געדיענט. ער האָט נאָר אַ קוק געטהאָן אויף יאַקובאָוויטשען און איהם האָט זיך געדאַכט אז זיין דבר׳ס ליפּען זיינען פּונקט ווי שוויינישע...

ער האָט איהם געגעבען די האַנד און איז מיט אַ געפיהל פון עקעל אוועק ווייטער...

— שוויינישע ליפּען! האָט ער געמורמעלט געהענדיג צוריק... און אַ האַס צום חבר האָט אָנגעפילט זיין ברוסט...

און געהענדיג איז דער האַס אַלץ געוואַקסען גרעסער און גרעסער אין לייקינס הארץ.

— אַך, איהר מיאוסע מענשען! האָט ער געברומט פאַר וועהטאָג און בעליידיגונג — ענטזאגט! ענטזאגט!

און דערזעהענדיג צוריק דעם אַלטען בעטלער, וועלכער האָט איהם ניט דערקאָנט און ווידער אַ נדבה געבעטען, האָט לייקין אָבגעהענדיג פון איהם עטליכע טריט ווייטער, מיט עקעל אויסגע־שפּיגען און געטראַכט: — פּגר אוועק! ווער דאַרף אייך איהר מיאוסע ברואים...

בעגעגענדיג ווידער אַ טרעגער מיט אַ גרויסען קאַסטען אויף די פּלייצעס, האָט ער מיט עקעל זיך אָבגעקעהרט און געזוי־דעלט: — שלעפּט, שלעפּט אויף זיך דעם יאָך, איהר זענט בעסערם ניט ווערט, קריכט, איהר ווערים!

עטליכע קינדער, פרעהליכע לוסטיגע, זיינען געגאַנגען פון אַ שוהל, זיי האָבען איהם פערשטעלט מיט זייער שפּילעריי דעם וועג. פול מיט צאָרען האָט ער איינעם פון זיי אַ שטויס געטהאָן, מורמלענדיג: — געהט צום טייוועל! פון אייך וועט אויך אויס־וואַקסען יאַקובאָוויטשעס מיט שוויינישע ליפּען...

און אָט האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זיין יונגע ווירטהין, וועל־כע ער דאַרף געלד געבען.

— וואָס יאָגט זי איהם אזוי? האָט ער אין געדאַנק פראַטעס־

טירט — געלד און געלד. זי קען ווארטען, נישקשה! זי וועט ווארטען... אויף צו־להכעיס גיב איך איהר ניט נאָך צוויי וואָכען...

ער איז פול מיט האַס אוועק אהיים. די טיהר איז געווען פערמאַכט, ער האָט מיט אַ גערויש זי אויפגעעפענט און מיט צאָרען זי פערהאַקט.

די ווירטהין, אַ יונגע שעהנע פרוי מיט גוטע שווארצע אויגען, איז ארויס איהם אנטקעגען און מיט אַ פריינדליכען שמייכעל אהם בעגעגענט:

— וואָס האַקט איהר אזוי די טיהר, גזלן? האָט זי געלאַכט.

— איך האָב נישט קיין טיהר, האָט ער שטאַלץ געענטפערט— עס דאַכט זיך אייך...

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט בייזע אויגען און א ווילדע מחשבה איז איהם דורכגעפלויגען אין קאָפּ:

דער מאַן איז ניטאָ, ארבייט ערגעץ ווי אַן עזעל און זי — בלוט און מילך... צו אַלדע טייוועל, די גאַנצע אָרדענונג. יאָ, די גאַנצע אָרדענונג.

— איז נאָך דאָ טהיי? האָט ער געפרעגט און זי אָנגעקוקט.

— קיין טהיי איז שוין ניטאָ, האָט זי ווי פערשולדיגט געענטפערט, נאָר איך קען מאַכען פאַר אייך.

ער האָט זיך אין גאַנצען געענדערט, די פריהערדיגע מחשבה האָט זיך טיעפער בעזעצט אין קאָפּ און האָט געוואָלט ווערען רעאַל...

ער האָט בייז געשמייכעלט און זיך אָנגערופען: — זייט אַזוי גוט און מאַכט טהיי. און אָנקוקענדיג זי מיט ליידענשאַפטליכע אויגען, האָט ער צוגעגעבען:

— און קיין געלד בעט ביי מיר ניט!

ער איז ווי אַ זיגער מיט שטאָלצע טריט ארויף צו זיך אין צימער. די מחשבה האָט איהם ווידער בעהערשט און געוואָלט פערוואַנדעלט ווערען אין טהאַט...

— אוים! האָט ער געמאַכט מיט די פויסטען. עס איז גאָר נישטאָ! גאָר נישטאָ...

איהם האָט זיך געמאָלט פאַר די אויגען איהר מאַן מיט זיין

נעבעכדיגען אויסזועהען: אַן אַגענט איז ער און וואַגעלט אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט מאָהנען אַלטע חובות...

— כאַפּט דיך דאָרט דער טייוועל, שעפּס איינער... אַז דו וועסט ווערען רייך ווי מיין יאַקובאָוויטש וועסטו אויך בעקומען שוויינישע ליזָ... איהר זענט אַלע אַזוי!

ער האָט גענומען שפּאַנען מיט אונגעדולד הין און צוריק איבער׳ן צימער׳ל.

באַלד איז אַריין די ווירטהין מיט אַ טעצעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ גלאָז טהיי און עס איז געלעגען צוויי זעמעל.

— איהר זענט אַ וואויל ווייבעל! האָט ער זי פרעהליך געלויבט.

זי האָט איהם פערשעמט אַנגעקוקט און גאָר נישט געענטפערט...

— אַ מאַן אָבער האָט איהר אַ שלים־מזל.

זי איז רויט געוואָרען און האָט מיט כעס געענטפערט:

— ניט קיין גרעסערען פון אייך...

— אָ, האָט ער זיך אָנגעצונדען — איך בין שוין דוקא ניט קיין שלים׳מזל — אַלענפאַלס וועל איך עס שוין ניט זיין מעהר — איך האָב היינט בעקומען אַ לעקציע... איך וועל זיין דער שטאַרקסטער, דער ערגסטער און דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט...

— איהר זענט עפּעס היינט מאָדנע, האָט זי געדריקט מיט די פּלייצעס...

— אָבער אינטערעסאַנט? זייט זיך מודה.

זי האָט נישט געענטפערט, האָט איהם נאָר אַנגעקוקט אין ווי עפּעס מורא געהאַט.

— נו, איך געה שוין, האָט זי שוואַך אַרויסגערעדט, פון וואַס לייקין האָט געדרונגען, אַז זי וויל נ י ט געהן:

— וואָס איילט איהר זיך, זיצט ביי מיר אַ ווײלע.

— ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זי אַ ציה געטהאָן צו זיך.

— וואָס טהוט איהר, לייקין? — האָט זי פּראָטעסטירט.

ער האָט זי אָוועקגעזעצט נעבען זיך אויף דער קליינער סאָפּקעלע, זי פּעסט אַרומגענומען און געפּליסטערט:

— זייט דאָך נישט קיין נאַריש ווייבעל... איך האָב אייך אַזוי ליעב, אַזוי ליעב.

ער האָט זי בעשאָטען מיט קושען. זי האָט שטיל געפּליסטערט: לאָזט מיך אָב, לאָזט מיך אָב!

אָבלאָזען זי איז אָבער געווען גאַנץ איבעריג, זי איז שוין געווען אין גאַנצען זיינע... ער האָט דערפיהלט זיין קראַפט איבער איהר, זיין גרויסע פּלוצליכע קראַפט, וואָס ציהט די יניקה פון אַ גרויסען האַס צו אַלץ און צו אַלעם....

ער האָט דערפיהלט אַז מיט דעם דאָזיגען האַס וועט ער האָבען אַי ליעבע, אַי גליק, און אין זיין אויפגערעגטען מוח האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ נייע לעבען, אַ לעבען פון טריאומף און זיעג...

אָהן אַן אַדרעס.

געקומען ווידער אין א נייער פרעמדער שטאָדט, האָט גרשון שיינקינד, און לויט'ן פּאַספּאָרט, אהרן ליפּשיץ, זיך געזעצט שרייבען א בריעף אין דעם קליינעם צימערל פון אָרימען האָטעל, וואוהין ער איז פערפאָהרען. דער בריעף איז געווען צו א געוועזענעם חבר. קיין שטארקע נויטיגקייט איהם צו שרייבען האָט ער ניט געהאט, נאָר שיינקינד האָט מיט'ן בריעף זיך ווי געוואָלט בעפעסטיגען אויפ'ן נייעם פּלאַץ.... א בריעף איז ביי שיינקינד'ען געוועזען אין זיין גלות לעבען, ווי א שיין־צעטעל, וואָס ער גיט זיך אליין, אז ער עק־זיסטירט נאָך און האָט א שטיקעל פערבינדונג מיט מענשען. יעדעס מאָל ווען ער לאָזט אראָב דעם בריעף אין א קעסטיל, פיהלט ער, אז ער האָט אין דער שטאָדט, וואו ער האָט זיך בעזעצט, געלעגט דעם ערשטען שטיין. קיין פעסטערע און מעהר זיכערע סמנים האָט ער ניט געהאט.

דעם בריעף האָט ער געשריבען שנעל אָבער גלאַט — האָט גע־מאָלדען דעם פריינד, אז דאָ רעכענט ער אביסעל אָבצורוהען. די שטאָדט האָט ער נאָך ווייניג געזעהען, נאָר דער ערשטער איינדרוק איז א גוטער. די גאסען ברייט, און די הייזער געבויט אין אַן אַלטען סטיל, וואָס דאָס געפעלט איהם אזוי שטארק. אם ענדע בעט ער דעם פריינד ער זאָל איהם גלייך ענטפערען, ווארום איי־גענטליך וויים ער ניט צו ער וועט דאָ לאַנג פערבלייבען. עס וועגדט זיך, צו ער וועט דאָ געפינען עפּעס א בעשעפטיגונג.

„שרייבען מיר — האָט ער געענדיגט דעם בריעף — זאָלט איהר אויף פאָלגענדען אדרעס".

ער האָט אוועקגעשטעלט צוויי פונקטען אין דער לענג און האָט שוין געוואָלט אָנהויבען שרייבען דעם אדרעס. נאָר דאָ האָט ער זיך פערטראַכט.

וואָס פאַר אַן אדרעס גיט מען אָן? דאָ אין האָטעל וועט ער בלייבען נאָר צוויי דריי טעג. מיט זיין ניט כשר'ן פּאַס איז א ריזיקע לענגער צו בלייבען דאָ... און אגב איז טאַקי דער האָטעל ווי ביליג ער איז, צו טהייער פאַר איהם. ער וועט טאַקי דארפען היינט ארויסגעהן הינטער'ן שטאָדט זוכען א שטיל קליין צימערל אין א פערוואָרפענעם געגענד. איהם איז שוין אזוי בעשערט: בעהאַלטען זיך פון דער וועלט... ער איז צו ריין און צו פיין, אז ער זאָל מעגען וואָהנען צוזאַמען מיט אַלעמען... ער האָט קיינעם נישט גענאַרט, קיינעם נישט בעטראָגען, אויסער דער פּאָליציי, וועלכער ער גיט שטענדיג אָן א פאַלשען נאָמען: גאָט זאָל איהם די איינ־ציגע זינד מוחל זיין...

איז וועלכען אדרעס גיט מען אָן זיין לעגאַלען פריינד?

ער דערמאָנט זיך אָן די אדרעסען זיינע ביי אַזעלכע פעלע אין אַנדערע שטעדט. און אזוי געהט דורך אין קאָפּ זיין גאַנץ לעבען. פאַר די גאַנצע זעכצעהן יאָהר, וואָס ער איז אוועק פון דער היים (ער איז דאַמאָלס אַלט געווען א יאָהר פיערצעהן), האָט ער אַלע מאָל געהאַט קאָפּדרעהענישען פון די אדרעסען. אָנקומענדיג דאָס ערשטע מאָל אין דער ערשטער פרעמדער שטאָדט לערנען, האָט ער קיין דירה ניט געהאַט, געלעבט און געשלאָפען אין בית־מדרש און די בריעף, וואָס ער פלעגט בעקומען פון זיין אָרימער מוטער, איז געווען אויפ'ן אדרעס פון ראש הישיבה. דער ראש הישיבה איז אָפּילו געווען א גוטער איד, נאָר א שטאַרק פערקלעהרטער און ער פלעגט איהם די ליעבע בריעוועלעך פון זיין אָרימער מוטער, די אַלמנה, אָבגעבען אין א וואָך־צוויי ארום... שפּעטער איז ער אוועק פאַר א סאָלדאַט, געדיענט ערגעץ אין א רוסישער שטאָדט. דאָ האָט ער שוין געהאַט אפילו א שטענדיגע דירה — די קאַזאַרמע,

נאָר אידישע בריעף פלעגט דער אדיוטאַנט פון פּאָלק נישט ער־לויבען צו בעקומען, און ער האָט דאמאָלסט אויך געמוזט שרייבען אויפ׳ן אדרעס פון דאָרטיגען רב... נאָר יענע בריעף זיינען שוין געוועזן ניט פון דער מוטער: די מוטער איז שוין געווען געשטאָר־בען, דאָס איז געווען בריעף פון א מוהמען און טאַקי פון דעם פריינד, צו וועלכען ער שרייבט איצט....

שפּעטער, אז ער האָט געענדיגט דיענען, האָט איהם גלייך אריינגעשלעפּט די בעוועגונג: ער איז גלייך געוואָרען טריף און אַלץ געוואָהנט אויף פרעמדע פּעסער. ער האָט שוין געהייסען חיים בערמאַן און יוסף פּונט און געציל פישקין און חאַניע העבט... ער איז שוין געווען אַלט 27 יאָהר און אין א האלב יאָהר ארום אינגער געוואָרען מיט גאַנצע זיעבען יאָהר, און אין דריי חדשים ארום עלטער געוואָרען אויף גאנצע 12 יאָהר, און פאַניע האָט אַלץ געגלויבט...

און אַט איז ער שוין, דאכט זיך, כשר געוואָרען, געקראָגען צוריק זיין אייגענעם פּאַס, דעם אייגענעם נאָמען מיט די אייגענע יאָהרען. איז איהם אָבער צו לאַנגווייליג געוואָרען. און ער האָט ווידער פערזינדיגט זיין נאָמען און די צאָהל יאָהרען זיינע און די מנוחה... ווידער געוואַנדערט, פערפאָלגט פון פּאָליציי און שפּיאָ־נען — פון שטאָדט צו שטאָדט, און אַלץ געביטען די אדרעסען, געביטען אָדער געבעטעלט ביי בעקאַנטע: ערלויבט מיר צו בע־קומען בריעף אויף אייער אדרעס....

דערמאָנענדיג זיך אָן דעם אַלעמען, האָט איהם אָנגענומען א שרעק: גאָר נישט האָבען אין דער וועלט, אפילו קיין אדרעס ניט....

ניין, ער וועט איצט אָנווענדען אַלע קרעפטען קריגען א שטענ־דיגען ווינקעל מיט א שטענדיגען אדרעס.

און דעם בריעף האָט ער געענדיגט: „איבעריגענס קען איך אייך מיין אדרעס נאָך ניט שרייבען. איך וועל די טעג געפינען א צימער, וועל איך אייך שוין מעלדען. ווארט אויף מיין צוויי־טען בריעף...."

ער האָט אַריינגעלעגט דעם פערשריבענעם בויגעלע פּאַפּיער אין אַ קאָנווערט, פערקלעפּט און גענומען שרייבען דעם אדרעס. דאָס איז געווען איהם אַ גוט בעקאַנטער אדרעס: שוין צעהן יאָהר זייט זיין פריינד וואָהנט דאָרט — אַן אַלטער אדרעס! ווי־פיעל האָט ער, שיינקינד, שוין אומגעוואָגעלט, געביטען שטעדט. גאַסען, צימערן און יענער וואָהנט נאָך אַלץ דאָרט אין יענער שטאָדט, אין יענער גאַס, אין יענעם הויז, אין יענעם נומער... אַ גליקלי־כער מענש!...

די דרייצעהנטע.

ענדליך האָט הערמאַן זיך פערליעבט אין א מיידעל פון וועלכע ער איז געליעבט געוואָרען.

ביז אהער איז איהם אין ליעבע נישט געגאַנגען. אין זיין נאָטיץ־ביכעלע, וואו ער פערשרייבט אמאָל א שעהן ווערטעל פון א ביכעל, אָדער פון א זשורנאַל, וואָס ער לייענט אויס, זיינען פערשריעבען אלע זיינע ליעבעס: צוועלף מאָל האָט ער שוין געליעבט און אלע צוועלף מאָל איז ער מיאוס אָבגענאַרט געוואָרען. — ער האָט זיך שוין שיעור נישט מיאש געווען פון דער גאַנצער ליעבע, א מאָך געטהאָן אויף אלע פרויען מיט דער האַנד און בעשלאָסען מעהר זיך נישט נאַריש מאַכען. עס איז נאָך געגוג געבליבען אָהן ליעבע: ליטעראַטור, מאַהלעריי, מוזיק און טאָקי געזעלשאַפטליכע פראַגען אויך. נישקשה, עס איז דאָ מיט וואָס אָנצופילען דאָס לעבען און געבען איהם אַן אינהאַלט, אום ניט צו טראַכטען וועגען א זעלבסטמאָרד....

האָט זיך אָבער אונטערגערוקט אונטער דער האַנד גאָר אונ־ערוואַרטעט א נייע ליעבע: א דרייצעהנטע הייסט עס. און אזוי ווי הערמאַן איז ניט געווען אַבערגלויביש, האָט בעזעסען א קלאָרען שכל און אין דער שלעכטער בעדייטונג פון „דרייצעהן“ ניט געגלויבט — האָט ער זיך געלאָזט פון שיקזאַל איבערבעטען און האָט די דאָזיגע נייע ליעבע אָנגענומען.

און ווירקליך איז געווען א שאָד אזא ליעבע אַרויסצולאָזען פון דער האַנד: דער אָביעקט פון דער דאָזיגער ליעבע איז געווען העניע קאַץ, א קורסיסטקע, מיט וועלכער ער האָט זיך בעקענט אין פילהאַרמאָניע אויף א פּאָפּולערען קאָנצערט, און האָט אויסגעזעהען צו זיין זעהר אינטערעסאַנט!

די ערשטע פּאָר טעג האָט ער זיך געפיהלט אין גאַנצען גליקליך און רוהיג. דער וואָרים פון צווייפעל האָט איהם אויסגעמיטען. שפּעטער אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אייגענטליך זיינען אַלע צוועלף ליעבעס די ערשטע צייט געווען אַזוי זיכער. ער, אַלס געניטער מענש, דאַרף עס נעהמען אין אַכט און מעהר ניט לאָזען זיך אָבנאַרען. ער איז שוין ניט קיין אינגעלע.

איצט, האָט ער בעשלאָסען, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג.

און קומענדיג אויף מאָרגען אין אָבענד צו זיין נייער געליעבטער אין צימער, כדי צו געהן מיט איהר אין טעאַטער, האָט ער אויסגענוצט די האַלבע שטונדע צייט, וואָס איז נאָך צום טעאַטער געבליבען און אָנגעהויבען עקזאַמענירען איהרע געפיהלען צו איהם.

האָבענדיג, ווי געזאָגט, די גרויסע געניטקייט פון אַ יונגען מאַן וואָס איז צוועלף מאָל געווען געליעבט און צוועלף מאָל אָבגענאַרט, האָט ער איהר פאָרזיכטיג אַ קוש געטהאָן אין די האָר, און ווי אַ לעהרער, אַריינקוקענדיג איהר אין די אויגען, זי אויסגעפרעגט:

— האָסטו מיך טאַקי ליעב?

—יא! — האָט די קורסיסטקע געענטפערט גענוג בעשטעטיגענד.

— הערמאַנ׳ען האָט אָבער דער יאָ געקלונגען נישט פעסט.

ער האָט זי אַ קוש געטהאָן אין שטערען, און ווידער געפרעגט:

— פיהלסטו אַז אָהן מיר וואָלסטו ניט געקענט לעבען?

— נו, געוויס! — האָט זי ווידער בעשטעטיגענד געענטפערט.

— „געוויס!“ האָט ער נאָכגעדענקט „זי איז זיכער, אָבער ניט איך!“ ער האָט זי אַ קוש געטהאָן אין די אויגען און זיך ווידער גענומען אויסצופאָרשען איהר הארץ.

— ווען איך קום נישט, למשל, צו דיר היינט, וואָלסטו געבענקט?

— געוויס וואָלט איך געבענקט, — האָט די קורסיסטקע געענטפערט ווי אַ שילערין, וואָס ווייסט גוט איהר לעקציע און האָט נישט קיין מורא פאַר אַריינפאַלען.

ער איז געבליבען צופרידען. דאָך איז ער נאָך ניט אין גאַנצען זיכער: יענע פּלעגען אויך אויף אלע זיינע פראגען איהם ענטפע־רען אויף יא....

און איבערגעהענדיג מיט'ן קוש פון די אויגען צו די ליפּען, האָט ער נאָכדעם, ווי ער האָט דאָרט פעסט אָנגעזויגעלט זיין עלע־גאַנטען קוש, אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אריינגעקוקט זיין געליעבטער טיעף אין די אויגען און אביסעל שטרענג ווידער געפרעגט:

— און ווי איז, למשל, אז דו דערזועהסט א שעהנערען, א מעהר אינטערעסאַנטען פאר מיר און יענער ערקלעהרט זיך דיר אין ליעבע, וואָלסטו געקענט ביישטעהן דעם נסיון?

— איך גלויב אז יא! — האָט די קורסיסטקע געענטפערט און אראָבגעלזאָט די אויגען.

— דו לאָזט אראָב די אויגען! — האָט ער בעמערקט און מעהר קיין קוש איהר ניט געגעבען.

— דו האָסט מיך מיעד געמאַכט מיט אזוי פיעל פראגען!

— ענטשולדיג, מיין קינד! — האָט ער זי געבעטען. — איך מיין נישט מיט מיינע פראגען דיך מיעד צו מאַכען. אדרבא, איך מיין אז אזוינע פראגען שאַדען ניט, פערקעהרט זיי זיינען נויטיג, מען דאַרף זיך קלאָהר מאַכען די געפיהלען. איך וואָלט זעהר געוואָלט, אז אויך דו זאָלסט מיר די זעלבע פראגען שטעלען...

— שוין שפּעט! מען דאַרף שוין געהן אין טעאַטער, — האָט זי זיך געבעטען.

נאָכ'ן טעאַטער האָט ער זי בעגלייט אהיים. ער האָט זי גע־האַלטען פעסט אונטער'ן אָרים און געטראַכט פון דעם וואָס אין טעאַטער האָט זי זיך צופיעל ענטציקט מיט דעם ארטיסט, וואָס האָט געשפּיעלט די ערשטע ראָליע. זי האָט איהם אַפּלאָדירט מעהר ווי אלע. ער האָט געפונען פאר נויטיג צו מאַכען אַן אויספאָרשונג וועגען דעם:

— דו ביזט פון איוואַנאָוו'ען געווען ענטציקט. געפעלט ער דיר אזוי?

— אך, ער שפּיעלט וואונדערליך שעהן! — האָט זי בעגייס־טערט געענטפערט.

— שפּיעלען שפּיעלט ער ווירקליך שעהן, אָבער מיר דאכט, אז מען אפּלאָדירט איהם מעהר פאר זיין אויסערליכע שעהנקייט.

— יא, ער איז זעהר שעהן, — האָט קאַץ נאָכגעגעבען.

— פּרויען האָבען זעהר ליעב ארטיסטען! — האָט ער שטע־כעדיג בעמערקט, — איז עס טאקי אמת?

ער האָט איהר אריינגעקוקט אין די אויגען און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

זי האָט געשוויגען.

— דו שווייגסט?

— וואָס קען איך דיר דארויף ענטפערען?

— איך מיין צי דו וואָלסט איצט אימשטאַנדע געווען צו פער־ליעבען זיך אין אַן ארטיסט.

— מיר דוכט, אז ניט....

— דיר דוכט, אָבער ביזט ניט זיכער.

— זיכער קען מען ניט זיין.... — האָט זי שטיל געענטפערט.

— פאַר וואָס בין איך זיכער! — האָט ער געפרעגט מיט פאָרוואורף, — זאָל קומען צו מיר סאַראַ בערנאַרד אליין און פאַלען מיר אויפ'ן האלז און זאָגען: הערמאַן, איך ליעב דיך! וואָלט איך זי אָבגעשטויסען און קורץ און טרוקען געענטפערט:

— איך ליעב העניע קאַץ!

— איך וואָלט אפשר אויך אזוי געענטפערט, — האָט זי געוואָלט איהם לייכטער מאכען.

— אָט דער „אפשר“ איז דער דאָרן אין דער ליעבע.

— איך מיין, אז געווים... — האָט זי נאָכגעגעבען.

ער איז געוואָרען רוהיגער, און, צופיהרענדיג זי ביז'ן טויער, האָט ער זי אַ קוש געטהאָן אָפּיציעל אין קאָפּ, געוואונשען אַ גוטע נאכט און צוגעגעבען:

— נאָר נישט פערפיהרען, נאָר דעם אמת....

יא! האָט ער געטראכט געהענדיג אליין. דאָס דאָזיגע מיידעל האָט מיך ליעב, אָבער פאַרזיכטיג דארף מען אויך מיט איהר זיין!
און אויף מאָרגען האָט ער זי ווידער עקזאַמינירט:

— האָסטו מיך באמת ליעב? — האָט ער זי געפרעגט נאָכ'ן ערשטען קוש אין קאָפּ, אריינקוקענדיג איהר טיעף אין די אויגען.

— הויבסט ווידער אָן? — האָט זי געזאָגט אביסעל דענער־ווירט, — וויפיעל איז דער שיעור צו פרעגען?

ער האָט זי אַ קוש געטהאָן אין שטערן און געענטפערט:

— עס דארף דיך ניט אַארען, אדרבא, דארפסט זיין צו־פרידען. פרעג אויך דו מיך. מיך וואונדערט טאַקי פאַר וואָס מיך פרעגסטו גאָרניט. נו, אדרבא, פרעג מיך, צו האָב איך דיך ליעב.

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געפרעגט:

— האָסטו מיך עפּעס ליעב?

— אביסעלע! — האָט ער איהר בכיון געענטפערט.

זי האָט דערויף גאָרנישט בעמערקט. דאָס האָט איהם שטאַרק געאַארט. איהר פערדריסט גאָר ניט וואָס נאָר „אַ ביסעלע“. און ער האָט מיט פאָרוואורף געקלאָגט זיך:

— איך ענטפער דיר אביסעלע, און דיר אַרט נישט.

— מיר איז גענוג אביסעלע, — האָט זי געלאַכט.

ער איז בייז געוואָרען און האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ:

— איך פיהל, אז דו האָסט מיך ניט ליעב....

— ביזט אַ נאַר! — האָט זי געלאַכט....

— אַ נאַר האָט מען טאַקי ניט ליעב, — האָט ער איהר ערקלערט.

— נו, ווידער דאָס אייגענע! — האָט זי זיך געבייזערט, — עס ווערט דאָך נמאס...

ער האָט זיך פערשעמט און בעשלאָסען מעהר ניט צו פרעגען. ער האָט גענומען איהר האַנד, געגלעט זי און געזאָגט:

— האָסט זעהר אַ שעהנע האַנד.

— דאָס האָט מען מיר שוין געזאָגט!
ער איז אונרוהיג געוואָרען און געפרעגט:
— ווער האָט דיר עס געזאָגט?
— ווי הייסט ווער? אלע בעקאנטע.
— בלויז בעקאנטע!
— ווער דען אנדערש? — האָט זי זיך געוואונדערט.
— איך מיין, אפשר א געוועזענער געליעבטער....
— און אז א געליעבטער איז וואָס? — האָט זי רוהיג בעמערקט, — אבי א געוועזענער....

ער האָט בעטראכט אז זי איז גערעכט: וואָס אַרט איהם ווירקליך וועגען א געוועזענעם. איבעריגענס האָט ער דאָך אויך שוין צוועלף מאָל געליעבט. היינט מיט וואָס פאַר א רעכט האָט ער איהר פאָרווירפע צו מאַכען!

ער איז בערוהיגט אוועק אהיים און האָט געהענדיג בעשלאָסען מעהר נישט אויסצופאָרשען איהר.

קומענדיג אָבער אויף מאָרגען צו איהר לויט דער בעשטימטער צייט, האָט ער זי ניט געטראָפען. דער צוויפעל אין איהר ליעבע צו איהם האָט ווידער ערוואכט; די אלע צוועלף פערשוואונדענע ליעבעס זיינען אין איהם ווי לעבעדיג פארביי געצויגען און ווי געוואָרענט:

— הערמאַן, זיי א מענש! היט זיך מיט דער דרייצעהנטער!

ער איז אַרויס פון צימער און געוואָלט שוין געהן צו זיך אהיים. אָבגעהענדיג אביסעל פון איהר הויז, וואו זי האָט געוואָהנט, האָט ער זי אָנגעטראָפען זי האָט איהם בעגעגענט מיט א שמייכעל.

ער איז אָבער געוועזן ערנסט. געבענדיג איהר קאַלט די האנד, האָט ער געזאָגט:

— אַט אזוי ווארט מען דאָס?
— נו, עטליכע מינוט פערשפּעטיגט, ענטשולדיג!
— עס געהט ניט אין ענטשולדיגען! — האָט ער טרוקען בעמערקט, — עס געהט אין עפּעס אנדערש....
— אין וואָס? — האָט זי פערוואונדערט איהם אָנגעקוקט.

— איך מיין טאַקי אין דיין ליעבע צו מיר.

— נו, ווידער! — האָט זי געלאַכט. — גאָט מיינער, איך וועל דאָך ווירקליך אויפהערען דיך צו ליעבען פאַר אַזאַ ניט צוטרויען.

הערמאַן האָט זיך דערפיהלט שולדיג אַנטקעגען איהר: ווירק־ליך, וואָס צווייפעלט ער אַזוי! ער איז געוואָרען זעהר גערירט און האָט בעשלאָסען צו ענטדעקען איהר דעם גאַנצען אמת.

— קום אַריין אין צימער, וועל איך דיר ערקלערען פון וואַנען שטאַמט מיין אונטרויען צו דיר.

און אין צימער, זיצענדיג מיט איהר האַנד אין האַנד, האָט ער אָנגעהויבען:

— ווייסטו, הענעלע, וויפיעל מאָל איך בין שוין פון דיינע שוועסטער גענאַרט געוואָרען....

זי האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען און נייגעריג געפרעגט:

— וויפיעל, וויפיעל?

— צוועלף מאָל! — האָט ער זיעגעריש געענטפערט.

העניע האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

איהר געלעכטער האָט הערמאַנען בעליידיגט. — איך ענטדעק דיר מיין הארץ און דו לאַכסט עס אויס, — איך האָב נישט ערוואַרטעט.

— און איך האָב נישט ערוואַרטעט, אַז איהר האָט צוועלף מאָל געליעבט, — האָט זי נאָך שטאַרקער זיך צולאַכט...

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט לאַכעדיגע אויגען און ווידער געזאָגט:

— יאָ, איצט פערשטעה איך פאַרוואָס איהר טרויט ניט קיין פרוי, מען קען זיי טאַקי ניט טרויען....

— —דיר, הענעלע, וועל איך שטענדיג גלויבען... — האָט ער דיהרענד געזאָגט.

— ניין, איך בין ניט בעסער פאַר זיי. אַלע פרויען זיינען פערדאָרבען. איך בין אויך אַזוי.

— זעהט איהר! — האָט זיך הערמאַן אַנגעכאַפּט בעגייסטערט, — איך האָב אָבער געפיהלט.

און א צופרידענער, וואָס ער האָט געטראָפען און געפיהלט טאקי, אז זי האָט איהם ניט ליעב, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געגעבען איהר די האַנד און געזאָגט:

— אַלזאָ, איז אַלעס געענדיגט... איך ווינש אייך גליק!

און ער איז אַרויס פון איהר צימער.

קומענדיג אהיים, האָט ער אַ קליינע ווײַלע געטראַכט און באַלד ארויסגענומען דאָס נאָטיץ־ביכעל און פערשריבען די דריי־צעהנטע ליעבע.

און כאָטש ער איז געווען אַ פריידענקער און אין דער שלעכ־טער בעדייטונג פון דרייצעהן ניט געהאלטען, איז איהם דאָך אביסעל ביי דער צאָהל אונהיימליך געוואָרען....

דאָס אינטעליגענטע הויז.

יאקאָב בערנשטיין רעכענט זיך פון די ערשטע אינטעליגענטען אין שטאָדט. ניט נאָר זיינע נאָהענטע פריינד, אפילו אז א זייטיגער פרעמדער מענש זאָל איהם דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, וועט יענער גלייך מערקען, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט א מענשען פון דער העכסטער אינטעליגענץ.

און דער אינטעליגענט אין בערנשטיין'ען האָט זיך ווירקליך גלייך געוואָרפען אין דיא אויגען.

שוין אבגעזעהן דערפון, וואָס בערנשטיין האָט געהאַט א בלאַס, צארט פנים, ארומגעפּאַסט מיט א קליין שווארץ צוגעשוירען בערדיל, האָט ער געטראָגען שטענדיג א שווארצען ראָק. דער דאָזיגער ראָק איז געוועזן אלט, אבגעטראָגען, האָט שוין געהאַט אפילו אין די עלענבויגענס צו צוויי רונדע לאַטקעלעך — אָבער בערנשטיין האָט איהם קיינמאָל ניט פערביטען אויף א קורצען רעקעל; וועניגסטענס האָט איהם קיינער אין א קורצען רעקעל ניט געזעהען.

אָבער מעהר ווי די קליידער האָט איהם צוגעגעבען אן אינטעליגענטען אויסזעהן די ברילען וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגען. אויסטהוענדיג זיי נאָר דאַן, ווען ער האָט דערפיהלט, אז זיי זיינען אביסעל פערצויגען און שנעל אויסווישענדיג זיי, צוריק אַנטהאָן אויף דעם לאַנגען נאָז, וואָס האָט געהאַט אויבען א ספּעציעל בערגעלע, ווי בעשאַפען צוליעב די ברילען, זיי זאָלען זיך האַלטען.

נאָהענטע פריינד האָבען געוואוסט, אז בערנשטיין טראָגט ברילען נומער 6, און אז אָהן דיא דאָזיגע ברילען איז בערנשטיין

וויא בלינד און געקומען איז דאָס איהם פון שטענדיגען לעזען אין דער קינדהייט און פריהער יוגענד.

זיין ווייב, אננא, אָדער ווי ער האָט זי גערופען, אניוטקא, האָט אויך אויסגעזעהן אינטעליגענטיש ווי ער. געטראָגען האָט זי שטענ־דיג א שווארצע קלייד ; א דאנק איהר אונענטוויקעלטע ברוסט און דער גלאַטער און פלאַכער פריזור האָט זי אויסגעזעהן מעהר מאנס־ביל אלס פרוי.

נאַטירליך האָט זי אויך א סך אין דער קינדהייט און פריהער יוגענד געלעזען און אויך זי האָט געטראָגען ברילען. אָבער שוין מיט א נומער העכער; עס האָט געהייסען אז אין פערגלייך מיט איהר לעבענס־בעגלייטער איז זי א ווייט־זעהענדיגע...

דערפאַר אָבער איז אריבער געשטיגען אין התמדה זייער על־טערע 12 יעהריגע טאָכטער ליזא. צו אכט יאָהר האָט זי אָנגעהויבען לעזען און צו 10 יאָהר האָט מען איהר שוין געקויפט א פּאָר ברילען מיט איין נומער העכער פאַר דער מאַמעס.

טאַטע און מאַמע האָבען געהאַט נחת פון זייער קינד, וואָס איז געווען אזוי ארטיג. אויסער איהרע ביכלעך האָט זי זעהר ווייניג גע־רעדט און נאָך ווייניגער זיך געשפּיעלט.

בערנשטיין, וואָס האָט וועגען ערציהונג א סך געלעזען, האָט אפילו מאַנכעס מאָל בעמערקט, אז ליזא איז צו שטיל און צופיעל איבערגעבען די ביכער. לויט ספּענסער, האָט ער רוהיג געאורטהיילט, דארף א קינד זיך פערנעהמען מיט שפּיעלצייג אויך.

אָבער שטארק געאַרט האָט דאָס איהם ניט, ווייל לויט אנדערע סאָציאָלאָגען און געלעהרנטע איז דאָס שפּיעלען פאַר א קינד לאו דוקא.

דאָס אינגערע קינד, אראָנטשיק, וואָס האָט שוין דוקא ארויס־געוויעזען א שטיקעל נייגונג, א חוץ צו די ביכלעך, אויך צו שפּיעלען זיך, איז אָבער געווען קורצזיכטיגער ווי טאַטע־מאַמע און שוועס־טער.

און אזוי ווי דער אויגען דאָקטאָר איז געווען זייערער א פריינד, האָט ער אויך אראָנטשיקען פערשריעבען א פּאָר ברילען און דער

קליינער אראַנטשיק האָט אין זיי אויסגעזעהן, ווי אַ פּראָפּעסאָריל, אזוי, אז שפּיעלען זיך אין זיי האָט איהם עפּעס ניט געקלײדט. דאָס קינד האָט עס אונבעוואוסט געפיהלט און די לעצטע צייט האָט ער טאַקי זיך גענומען מעהרער צו ביכלעך און איז אין שוהל געווען פון די ערשטע שילער...

זייענדיג נישט רייך, האָט בערנשטיין אַ הינטערשטען צימער פּערדונגען אייזיקאָוויטש דעם לעהרער. דאָס איז געווען אַ בחור פון אַ יאָהר 35, אַ זעהר ערנסט דענקענדער מענש, אַ שטיקעל שריפטשטעלער, אַ פיינד פון פרויען און אַ גרויסער ליעבהאָבער פון קונסט...

דער דאָזיגער אייזיקאָוויטש האָט געטראָגען ברילען פון איין נומער מיט בערנשטיין, און דאָס דאָזיגע צופעליגקייט האָט זיי זעהר נאָהענט געמאַכט אין זייערע אנשויאונגען, ס'האָט אויסגעוויזען, אז זיי זעהען די וועלט דורך איינע און די זעלבע ברילען.

אמאָל פלעגען צו בערנשטיין'ען קומען בעקאַנטע, די סמעטענע פון דער שטאָדטיגער אינטעליגענץ, פּאַרטיי־פיהרער און זאָגאר שריפטשטעלער.

רעדען פלעגט מען קיינמאָל ניט וועגען עפּעס פּערזענליכעס. דאָס געשפּרעך פלעגט זיך שטענדיג דרעהען איבער די וועלט, מענש און נאַטור.

צוהיצענדיג זיך, פלעגט אַ מאַנכער גאַסט אָדער בערנשטיין אליין אָדער די פרוי, אראָבנעהמענדיג די ברילען אויסווישען זיי און גלייך צוריק אָנטהאָן אויף דער נאָז. דאָס האָט געהייסען, אז איצט, נאָכדעם ווי די ברילען זיינען אויסגעווישט, ווייסען זיי אלץ און זעהען שוין אלץ.

די צוויי קינדער אין די ברילען פלעגען זיצען אין די ווינקעלעך מיט אָפענע ביכער אין די הענד מיט די ברילען אויף די יונגע נעזעלעך און מיט גרויס אויפמערקזאמקייט צוהערען צו אלץ וואָס די גרויסע מענשען רעדען. — און פערשטאַנען האָבען זיי אלץ: זיי האָבען דאָך געטראָגען מיט די געסט גלייך פון איינע ברילען — היינט פאַר וואָס זאָלען זיי ניט פערשטעהן?..

צושטערען די הארמאָניע פלעגט נאָר דאָס יונגע שטוב־מיידעל, וועלכע פלעגט אריינטראָגען טהעע.

אָנקוקענדיג די ברילליען געזעלשאפט פלעגט זי ווי מבולבל ווערען. זי פלעגט אויף גיך אוועקשטעלען פאר יעדערען די גלאָז טהעע, אריינלויפען צוריק אין קיך און פאר איהר געליעבטען, וואָס איז דאָרט געזעסען, — א געזונטער שעהנער יונג, מיט ממזר׳ישע אויגען — פלעגט זי דערצעהלען דעם ווילדען וואונדער:

— אוי יאָשקע־לעב, עס איז ניט אויסצוהאלטען! זיצען צעהן מענשען ווי די געצקעס און אלע טראָגען ברילליען...

און זי צולאכט זיך מיט א געזונטען קלינגענדיגען געלעכטער...

אין יענער צייט.

ביי דער יונגער מאַדאַם ליסבאַראַן אין אויפנאַהמס־צימער זענען געזעסען עטליכע נאָהענטע בעקאַנטע און האָבען געשמועסט ביי אַ גלעזעל טהעע. די מאַדאַם ליסבאַראַן, אַ פרוי פון אַ יאָהר 30, איז געווען זעהר גוט אויפגעלעגט און איהרע שעהנע שוואַרצע אויגען האָבען געלויכטען מיט גוטהערציגקייט און אויפריכטיגקייט.

גערעדט האָט מען וועגען דעם קליינעם שטעדטעל פון וועלכע דאָס רוב געסט האָבען געשטאַמט, פון דער אַמאָליגער נאַאיוויטעט, עהרליכקייט און אידעאַלען, וואָס האָט דאָרט געהערשט, ווען די בעוועגונג האָט זיך דאָרט נאָר וואָס געוויזען.

— יאַ, עס איז געווען אַ שעהנע צייט — האָט מאַדאַם ליסבאַראַן מיט שטראַהלענדע אויגען קאָנסטאַטירט. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטול, זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, ליעבליך געשמייכעלט, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּיס אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג, האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבען אין אַ לאַכענדיגען טאָן פאָלגענדעס צו דערצעהלען:

צו אונז אין שטעדטיל האָט געבראַכט דעם סאָציאַליזם איינער מיט דעם נאָמען באַדעוויטש, טאַקי אַ געבוירענער אין אונזער שטעדטיל, נאָר ערצויגען פון צעהן יאָהר אָן אין דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט, געווען איז ער חייקעל דעם שניידערס אַ זוהן, זיין טאַטע איז געווען אַ דאַר קליין יודעל, אַ גרויסער עם־הארץ, ניט נאָר אין די שוואַרצע פינטעליך, נאָר אַפילו אין זיין פאַך. גענעהט האָט ער נאָר פאַר די דאָרפיגע פויערים און פויערטעס. די שטעדטילשע בעלי־בתים, וואָס האָבען ניט אזוי געהאַלטען פון דער מאָדע, האָבען איהם קיין שטיקעל אַרבייט ניט געגעבען. פערשטעהט זיך,

אז אזא שניידער איז ניט געווען קיין אנגעזעהענער מענש, און האָט קיין שום ראָלע ניט געקענט שפּיעלען. די זעלבע זאַך זיין ווייב, ציפּע, א נארישע פערשלומפּערטע יודענע, וואָס האָט געהאָלפען אָפּט די רייבע בעלי־בית'טעס ריין מאַכען זייערע הייזער און אנ־דערע ארבייט. מיינע עלטערען האָבען דוקא געוואָהנט מיט זיי אין איין גאַס, און דערפאר געדענק איך עס אזוי גוט.

אָבער אז עס איז געקומען צופאָהרען זייער זוהן נאָטיל אין א קורצען ראָק, לאַנגע האָר און אין א רויטער בלוזע און האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט זיין לעצטען נאָמען באדעוויטש, האָט זיך דעם שניידערס הייזעל פערוואַנדעלט אין א מין קלוב...

דער דאָזיגער נאָטיל האָט גערעדט רוסיש און שטענדיג ארומ־געגאַנגען מיט ביכלעך אונטער'ן אָרים, וואָס דאָס אליין וואָלט שוין געווען גענוג צוצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער יוגענד בפרט פון אונז קליינשטעדטילדיגע מיידלעך.

שטעלט זיך אָבער פאָר, ווי גרויס איז אונזער אינטערעס צו איהם געווען ווען מען האָט ערפאהרען, אז דער דאָזיגער נאָטיל, חייקעל דעם שניידערס זוהן איז ניט נאָר א גרויסער קענער און רעדט רוסיש ניט ערגער ווי דער פּריסטאַוו, נאָר איז נאָך דערצו א גרויסער סאָציאַליסט.

דאָס איז געווען דער ערשטער סאָציאַליסט, וואָס מיר שטעד־טילדיגע מיידלעך האָבען געהאַט די זכיה צו זעהן פּנים אל פּנים. ביז נאָטיל איז געקומען האָבען מיר פון סאָציאַליסטען געהאַט א פאָרשטעלונג, ווי וועגען די געפעהרליכסטע מענשען. וועגען זיי איז אין שטעדטיל ביי די עלטערע ארומגעגאַנגען ווילדע לעגענדעס אין וועלכע אויך מיר יונגע האָבען געגלויבט.

איך קען איצט האָבען פון אזא נאָטיל וואָס פאַר א מיינונג איך וויל, אָבער דאָס מוז איך מודה זיין, אז ער איז געווען אינטע־רעסאַנט אין יענער צייט. זיין איגנארירענדער שמייכעלע, מיט וועלכען ער פלעגט מיך די ערשטע אָנקוקען, זיין דרייסטקייט און עזות וואָס ער פלעגט ארויסווייזען בשעת רעדען מיט מיין טאַטען, וואָס איז געווען דער שענסטער בעל־הבית אין שטעדטיל, האָט

איהם צוגעגעבען א געוויסען רייץ, איבערהויפּט אין מיינע אויגען. ער האָט דאָס געפיהלט און האָט עס שטאַרק אויסגענוצט, נאַטירליך, נישט פאַר זיינע נוצען, נאָר פאַר די נוצען פון סאָציאַליזם. ער האָט מיך, ווייסט עס, אגיטירט...

— ווייסט שרקה, האָט ער זיך צו מיר איינמאָל אָנגערופען, אז דיין טאַטע און דיין מאַמע זיינען פּאַראַזיטען און דו וועסט אויך זיין אזא אויב דו וועסט זיך ניט ראַטעווען...

איך האָב אַראָבגעלאָזט פערשעהמט די אויגען און ניט גע־וואוסט, וואָס צו ענטפערן... און ווירקליך האָב איך ניט געהאַט וואָס: דאָ שטעהט פאַר מיר א מענש, וואָס ווייס אַלץ און וואָס ווייס איך?...

— יא, דו וועסט אויך זיין אזוי ווי זיי, האָט ער ווייטער געזאָגט און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען.

איך האָב זיינע בליקען נישט געקענט פערטראָגען, אָבער איך בין מיך מודה, אז זיינע ווערטער, וואָס איך האָב די ערשטע צייט דונקעל פערשטאַנען, האָבען אין מיין הארצען אָנגעמאַכט א גאַנצע איבערקעהרעניש.

און איינמאָל, נאָכדעם, ווי ער האָט מיך אָנגעהויבען ווי זיין שטייגער צו שטעכען מיט אַלערליי אויסדריקען האָב איך זיך נאַאיוו אָנגערופען:

— נו, אדרבא, ראַטעוועט מיך...

דאָ האָט זיך זיין גאַנצער אויסדריק פון געזיכט אומגעביטען: זיין שטרענגקייט איז אין גאַנצען פערשוואונדען. ער האָט מיך ליעב אָנגעקוקט, מיך אָנגענומען ווי א ברודער פאַר'ן האַנד און איינבוי־גענדיג זיך צו מיר, האָט ער מיר שטיל געפליסטערט:

— שרקה, איך וועל דיך ראַטעווען פון דעם אונגליק, איך וועל דיך מאַכען פאַר אן אגיטאַטאָרשע צווישען די מיידלעך און שוועסטער־בעל־פאַבריק, וואָס דער פאַבריקאַנט זויגט אויס זייער בלוט...

— איך וועל נישט קענען! האָב איך זיך שטיל און פער־שעהמט אָנגערופען...

— דו וועסט קענען!.. האָט ער מיר פערזיכערט — דו ביזט

א גראַטענע, האַסט פעהיגקייט — איך זעה — איך קען זיך אויף אזעלכע.

אויף מאָרגען אין אבענד בין איך שוין בגנבה געזעסען ביי באדעוויטשען אין צימער און פלייסיג געשטודירט א ביכעלע אין שווארצע טאָוועלעך... און האָב צוזאמען מיט'ן שרייבער פון ביכעלע מיך אויפגערעגט אויף דער הייניגער שלעכטער אָרדענונג און צו־זאמען מיט איהם געטרוימט פון א וועלט פון גלייכהייט און פריי־הייט...

איבערהויפּט האָט מיך געפּאַקט דער אידעאל פון גלייכהייט און איך בין דאמאלס געגוג אויסגעשטאַנען צו ווערען גלייך מיט די אלע נייע חבר'טעם מיינע, פאר וועלכע איך בין געווען שעהנער, רייכער און גליקליכער.

נאר אָט די דאָזיגע גלייכהייט איז מיר שווער אָנגעקומען.

ערצויגען ביי בעלי־בתי'שע און אויב איהר ווילט אריסטאָ־קראטישע, באַטש קליינשטעדטעלדיגע עלטערן האָט מיך די האַל־טונג פון מיינע נייע חבר'טעם פיעל מאָל שאָקירט. איבערהויפּט האָב איך געהאַט אויסצושטעהען פון די צוויי חבר'טעם מיינע, יענטיל און חייענקי, טעכטער פון חיים דעם וואסער־טרעגער, וואָס האָבען געארבייט מאָר דריי גילדען א וואָך טאָקי אין שוועבעל פאבריק. די דאָזיגע צוויי מיידלעך, דערהערענדיג אז די פּראָלעטאריער זענען די גרעסטע יחסנים פון דער וועלט, האָבען אויף מיר געקוקט מיט גרויס פעראכטונג. געלאַכט אָפען פון מיין ליעבער מאמען מיט איהרע פּעריל, פון מיין גוטען שעהנעם טאטען מיט זיין שווארצען ראָק און פון זיין שעהנעם פּעלץ...

וואָס אנבעטרעפט מיך, איז זיי ניט געפעלען געוואָרען מיין האַלטען זיך, מיין קליידונג, מיין פריזור, מיין פיינקייט...

— דו ביזט אפילו אן „אונזערע" פלעגט די עלטערע חייענקע, זאָגען צו מיר, אָבער דו ביזט פאַרט א בורזשויקע, ביז דו וועסט ווע־רען אן אמת'ע פּראָלעטארקע, וועלען נאָך דארפען א סך וואסערען אריבערגעהן...

און איך האָב מיך געסטארעט אויסוואָרצלען פון מיר אלע

מיינע בעלי־בתישע געוועהנהייטען. די ערשטע כפרה איז געוועזן מיין זיידענע בלוזקע, וועלכע איך האָב אזוי ליעב געהאַט צו טראָגען סיי וואָך און שבת. די דאָזיגע בלוזקע האָט מיינע נייע חבר'טעס, איבערהויפּט דעם וואסער־טרעגערס טעכטער, די צוויי פּראָלעטאַרקעס, געשטאָכען אין די אויגען.

שפּעטער, אז מיר פלעגען זיצען ביי באַדעוויטשען, אָדער בעסער געזאָגט, ביי חייקעל דעם שניידער ביז שפּעט אין דער נאַכט אויסצואַרבייטען די טאַקטיק פון דעם סטרייק אין שוועבעל־פאַבריק און נאָטיל פלעגט הייסען זיין מאַמען, ציפּען, באַקען „בלינעס“ (געלד פלעג איך דערויף געבען), פלעג איך האָבען אויסצושטעהען פון דעם עסען. הונגעריג בין איך געווען, נאָר די בלינעס האָב איך ניט געקענט עסען, זיי זענען געווען צו גראָב פאַר מיר, נאָר מיינע חבר'טעס, דעם וואסער־טרעגערס מיידלעך, פלעגען מיר צו־וואַרפען ווערטעליך:

— שרקה עסט ניט קיין בלינעס... זי איז א בעלי־בתישע טאָכטער, זי האַלט נאָר פון גלייכהייט אין בוך.

— איך האָב ליעב בלינעס פונקט ווי איהר! פלעג איך מיר וועלען אויספּיינען פאַר מיינע חבר'טעס...

— פאַר־וואָס־זשע עסט איהר ניט — פרעגט מיך בייז חייענקע.

— איך האָב נישט קיין גאָפּעל! כאַפּ איך מיך ארויס אין פערגעס, אז ביי מיינע נייע חבר'טעס איז א גאָפּעל ערגער ווי געשמדט, און איך בעקום באַלד מיין שטראָף:

— א גאָפּעל וויל זי דוקא, פּראָלעטאַיער עסען אָהן גאָפּלען...

אמת, באַדעוויטש אליין איז געווען צו מיר ווייך. ער האָט עקסטרא פאַר מיר אויסגעשניצט א גאָפּעל פון א שטיקעל האָלץ, נאָר קיין גאָפּעל האָב איך שוין ניט גענוצט און האָב געגעסען ציפּעס דער שניידערינס בלינעס מיט די הענד, גלייך מיט די פּראָלעטאַריער.

נאָר אָט די אלע אָפּפערס, וואָס איך האָב געבראַכט איז געווען גאָר־נישט אין פערגלייך קעגען דעם, וואָס איך האָב געמוזט שפּעטער

גליַיך מיט מיַינע חבר׳טעס און חברים, עטליכע שוסטער און שניי־דער יונגען, אַבלאַכען פון מיַין שעהנעם אריסטאָקראַטישען טאַטען און ליעבער גוט הארציגער מאַמען...

און איינמאָל, קומענדיג, שפּעט אהיים, נאָך אַ היציגער דע־באַטע וועגען דער בורזשואזי, האָב איך אַ אויפגערעגטע און אַ בייזע זיך אָנגערופען צו מיַין טאַטען, וועלכער האָט מיר די טהיר געעפענט און וויַיכהערציג געשטראָפט וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט.

— טאַטישי, צו וואָס דאַרפען מיר האָבען אַזאַ שעהנע הויז און צו וואָס טראָגט די מאַמע פּעריל און דו אַ גוטען פּעלץ...

דער טאַטע האָט מיך דערשראָקען אָנגעקוקט און אויסגערו־פען:

— וואָס פּלוידערסטו, שרקה, וואו ביזטו דאָס געווען אַזוי שפּעט...

איך האָב גאָרנישט געענטפערט; איך געדיינק ווי איצט, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפען און האָב פערשאָל־טען מיַין שלימזל, וואָס איך בין געבוירען געוואָרען ביי רייכע עלטערן און בין ניט חיים דעם וואַסער־טרעגערס אַ טאָכטער...

*   *
*

— יאַ, ס׳איז געווען אַ שעהנע צייט! האָט די מאַדאַם ליס־באַראָן וויעדערהאָלט די ערשטע פראַזע, ענדיגענדיג איהרע פראַנ־מענטאַרישע עראינערונגען.

— זאָגט: אַ נאַרישע צייט! האָט זיך אָנגערופען איינער פון די געסט — דאָקטאָר האָלצמאַן און האָט פעררויכערט אַ סיגאַר...

— מען קען ניט וויסען! האָט דער הערר ליסבאַראָן נאָכדענ־קענדיג בעמערקט — אַלענפאַלס — האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי, ביזטו — סאַראַ, אַ שעהנע נשמה און ביזט ווערט אַ קוש — וואָס ער האָט גליַיך ערפילט.

דער פּראָטעסט.

באשע־ביילע די נייטאָרין פלעגט שטענדיג הערען וועגען זיך, אז זי איז א וואויל־מיידעל. דאָס פלעגט מען וועגען איהר זאָגען סיי אין די אויגען און סיי אונטער די אויגען. אָבער קיין נחת האָט זי דערפון ניט געהאַט, געפרעהט האָט עס איהר ניט. אדרבא, פיעל מאָל האָט עס איהר פערשאַפט פערדרוס און הארצוועהטאָג, און אָפטמאָל פלעגט זי אַפילו אויף דעם דאָזיגען קאָמפּלימענט נערוועז אָבענטפערען:

— אַ וואוילע, אַ וואוילע... בין איך גליקליך!..

און זי איז געווען גערעכט! — גליקליך איז זי מיט איהר וואוילקייט ניט געווען. זי האָט דוקא געוואָלט זיין ניט קיין וואוילע. — הלואי וואָלט זי בעסער געווען ניט קיין וואוילע, אָבער א שעהן מיידעל — וואָלט זי אַ סך צופרידענער און גליקליכער געווען נאָר אַ שעהן מיידעל איז זי קיינמאָל ניט געווען, ווענינגסטענס האָט זי וועגען זיך אזאַ מיינונג קיינמאָל ניט געהערט, אפילו דאן, ווען זי איז געווען יונג, בפרט יעצט, ווען באַשע־ביילע, נישט קוקענדיג, וואָס זי זאָגט קיינמאָל קיין ליגען ניט, מוז די לעצטע צייט אראָב נעהמען אַ פּאָר יאָהר פון איהר עלטער, וואָס דאָס קומט איהר אָז ניט גרינג. איהרע בלאַסע באַקען ווערען דאַמאָלסט רויט, און איהר דאַכט זיך, אז זי האָט אָבגעטהאָן דאָס גרעסטע פערברעכען...

יא, באַשע־ביילע איז ניט צופריעדען מיט איהר וואוילקייט. איבערהויפּט איז זי ניט צופריעדען מיט איהר שטילקייט, וואָס פיעלע פון די שכנות שעצען זעהר שטאַרק...

באַשע־ביילע ווייס, אַז שטילקייט איז פאַר אַ מיידעל דער גרעסטער חסרון. הלואי וואָלט זי געקענט אַזוי הויך לאַכען, ווי איהרע חבר'טעס... הלואי וואָלט זי געקענט אַזוי הויך זינגען ווי זיי, וואָלט זי אויך געוואוסט פון גליק און פון ליעבע... און וואָלט ניט געדאַרפט די גאַנצע יונגע יאָהרען פערברייננגען בלויז מיט דער אַל־טער מוטער איהרער, מיט דער אלמנה...

באַשע־ביילע איז געווען טאַקע וואויל און שטיל, אָבער ווען מען וואָלט געוואוסט איהרע געדאַנקען — דאַכט זיך איהר — וואָלט מען זי געהאַלטען פאַר דער זינדיגסטער אין דער וועלט, און ווען מען וואָלט געקענט זיך צוהערען, וואָס עס קומט פאָר ביי איהר אין האַרץ, ווי עס שרייט און ליאַרעמט, וואָלט מען זי, ווער ווייס, מיט וואָס פאַר אַ נאָמען אָנגערופען.

נאָר דאָס, וואָס עס טהוט זיך ביי איהר אין קאָפּ און האַרץ, ווייס קיינער ניט, אפילו איהר מאַמע ניט, און באַשע־ביילע וואָלט אַמאָל וועלען אויסשרייען:

— איך בין ניט וואויל, איך בין ניט שטיל! און זאָל מען איהר בעסער מוסר זאָגען איידער ריהמען. וואָס האָט זי פון איהר גוטען נאָמען? ער האָט איהר נאָר פערשטערט דאָס לעבען און גערויבט פון איהר אַלע פערלאַנגען און האָפנונגען.

און אויסצודריקען איהר פּראָטעסט בלייבט איהר נאָר איהר איינציג ליעד, וואָס זי זינגט:

דרויסען איז אַ טריעבער טאָג,
אין שטיבעלע איז אַ כמאַרע
איך האָב אָבגעלעבט מיינע יונגע יאָהרען
אַזוי ווי אין אַ כמאַרע...

דאָס דאָזיגע ליעדעל זינגט זי אָבער אַזוי שטיל, אַז זי אַליין

הערט קוים די ווערטער... צו נאָהענט איז איהר דאָס ליעד צום האַר־צען, אז זי זאָל האָבען די דרייסטקייט עס הויך צו זינגען!

באַשע־לאה וויס, אז עס זיינען דאָ א סך. פרעהליכע פער־שייטע ליעדער, און דוקא יענע ווערען געזונגען הויך און אָפען... אָבער יענע ליעדער זיינען ניט פאַר איהר — יענע ליעדער זיינען פאַר די, וואָס האָבען ניט אזא גוטען נאָמען, ווי זי... זי איז א וואוילע און א שטילע — און ניט אַלע ליעדער קען זי זיך ערלוי־בען צו זינגען!

יאָ, זי טאָר זיך גאָר נישט ערלויבען — אזוי איז שוין איהר בעשערט. שטיל, עהרליך און אליין.

אָפט אָבער ווערט באַשע־ביילע'ן אונערטרעגליך איהר שטיל־קייט און עהרליכקייט, און זיצענדיג אין קליינעם שטיבעלע ביי איהר ארבייט וואָלט זיך איהר ווען אוועקוואַרפען אלץ, ארויס־לויפען אויפ'ן גאַס און ווענדען זיך צום ערשטען בעסטען יונגען־מאַן:

— איך בין נישט וואויל און נישט שטיל! קום מיט מיר! קום! וואָרום איך בין די זינדיגסטע אין דער וועלט!..

קעגען איבער איהר צימער וואוינט שוין זייט צוויי יאָהר חייקעל דער שניידער מיט זיינע בנים, וואָס האָבען א שם אין דער גאַנצער גאַס פאַר פערשייטע און צולאָזענע, איבערהויפט דער עלטערער, יאָסעל דער רויטער. יאָסעל דער רויטער איז א בחור פון א יאָהר אכט־און־צוואַנציג, א הויכער, א געזונדטער, מיט גראָהע, שפּיציגע אויגען און רויטע שפּיציגע וואָנסען...

די גאַס דערצעהלט פון איהם שרעקליכע מעשיות. חאַשע ביילע זעהט איהם אָפּט שטעהן ביים טויער פון הויז מיט מיידלעך, וועלכע ער דערצעהלט עפּעס, און זיי לאַכען הויך אויפ'ן קול. זי לויפט דאַמאָלסט דורך שנעל, איהר דאַכט, אז דאָס לאַכען זיי פון איהר, פון איהר שטילקייט און עהרליכקייט.

אַפּט בעגעגענט זי זיך מיט איהם אין דעם ענגען, שמוציגען קאָרידאָר. ער קוקט זי אָן מיט זיינע גראָהע אויגען און שמייכעלט דערביי עפּעס אַזוי געמיין, אַז עס קומט איהר אַריין דאָס בלוט אין געזיכט, און עס פערפּעהלט איהר אָטהעם...

מיט ווערטער האָט ער זי אָבער קיינמאָל ניט פערטשעפּעט. זי איז, הייסט עס, ניט פאַר איהם. אַזוי, ווענינסטענס, מיינט זי.

זי געהט דאָמאָלסט אַריין צו זיך אין שטיבעל און קלאָגט זיך פאַר דער מוטער:

— אַזאַ גראָבער יונג, דער דאָזיגער „רויטער" — אָנקוקען קען איך איהם ניט...

— וואָס? ער האָט דיך חלילה פערטשעפּעט? — דער־שרעקט זיך די מוטער...

— ניין... ער דאַרף דוקא פערטשעפּען... — ענטפערט זי מיט פערדרוס — ער איז גלאַט אַ געמיינער יונג...

— ס'אַ דאגה, מיין טאָכטער, — בערוהיגט איהר די מוטער.

— וואָס אַרט דיך פאַר איהם! דו ביזט אַ שטילע, עהרליכע מיי־דעל...

באַשע ביילע ענטפערט ניט, זי לאָזט נאָר אַרוים אַ שטילען זיפץ, און נעהמט זיך צו דער אַרבייט.

זיצט איינמאָל באַשע־ביילע אַליין אין שטיבעל ביים מאַשין און שטעפּט אַ העמד. ערשט זי דערהערט, ווי עמיצער האָט זיך ווי אַריינגע'גנב'עט שטיל דורכ'ן טהיר. זי קעהרט אום דעם קאָפּ, און זי בלייבט ווי פערגליווערט: פאַר איהר שטעהט יאָסעל דער רויטער, קוקט זי אָן מיט זיינע סאַרע אויגען און שמייכעלט.

— איהר האָט זיך דערשראָקען? — לאַכט ער...

זי געפינט ניט קיין ענטפער, און ווייס ניט וואָס פאַרצונעה־מען...

— איהר זיינט אַ גאַנץ שעהן־מיידעל, אַ ביסעל אויסגעמאָ־גערט... אָבער דאָס שאַדט ניט — איך האָב דוקא ליעב אַזעלכע...

זי וויל עפּעס ענטפערען, נאָר עס פאַרפעהלט איהר אָטהעם, אַ הייסער שטראָם פליהט איהר דורך אין גאַנצען קערפּער. און פון אַלע געדאַנקען בלייבט איהר נאָר איינער אין קאָפּ:

— זאָל די מאַמע איצט ניט אָנקומען!..

ער געהט צו איהר צו און נעהמט זי פאַר דער האַנד. זי האָט ניט קיין קראַפט צו וועהרען זיך.

— איהר דאַרפט פאַר מיר קיין מורא ניט האָבען... — זאָגט ער איהר, צובויגענדיג זיך צו איהר גאָר נאָהענט... איך וועל אייך ניט טהאָן קיין שלעכטס... איך וויים דען ניט, אז איהר זייט אַן עהרליכע טאָכטער... אַ שטילע, אַ וואוילע...

פון די לעצטע צוויי ווערטער קומט זי צו זיך, דערפיהלט זיך ווי בעליידיגט, און ווי ניט מיט איהר ווילען, רייסט זיך ביי איהר אַרויס פון מויל:

— איך בין ניט אַזוי שטיל און וואויל, ווי איהר מיינט...

— איז נאָך בעסער! — כאַפּט ער זיך אָן מיט פרייד... און וויל זי אַרומנעהמען...

— די מאַמע קאָן אַריינקומען... — מורמעלט זי פאַר שרעק און אויפרעגונג...

— עט די מאַמע — לאַכט ער ציניש... — איך קען זיין אייער מאַמע און אייער טאַטע און אייער מאַן...

אַ זיסער שוידער געהט דורך איהר קערפּער פון דעם לעצטען וואָרט.

— איהר דאַרפט ניט אַזא ווי איך... — זאָגט זי בעשיידען אַרויס... איהר ווילט מיך נאָר אויסלאַכען...

— זאָל מיר גאָט שטראָפען! — צינדט ער זיך אָן, און זיין געזיכט ווערט שטרענג ערנסט, — איך וויים דען ניט, ווער איהר זענט? אַ טהייער מיידעל, האָב איך אַזא יאָהר, וואָס פאַר אַ מיידעל איהר זענט... דוקא אזא ווי איך בין אַ מבין אויף אייך... איהר פערשטעהט! דוקא אַזאַ ווי איך!..

זי קוקט איהם דרייסטער אָן. אין קאָפּ פליהט איהר דורך, אַז זי וועט זיך איצט נוקם זיין אַן אַלע, וואָס האָבען געזאָגט אויף איהר שטענדיג, אַז זי איז אַ שטילע, אַ וואוילע, זאָלען זיי איצט וויסען... זי איז ניט קיין שטילע און ניט קיין וואוילע, זי איז ערגער פאַר אַלע מיידלאַך... אַט דעם יאָסעל דעם רויטען קלייבט זי אויס...

ער נעהמט זי ארום אין זיינע פעסטע הענד און דריקט זי. אַ נייע ערשט־געבאָרענע פרייד צינדט זי אָן, זי כאַפּט איהם ארום צוריק מיט איהרע הענד און דריקט איהם נעהענטער צו זיך, נעהענ־טער, נעהענטער...

— אַט אַזוי האָב איך ליעב! — ברומט ער ארויס, און קושט זי אין האַלז...

— מען האָט געדאַרפט צושפּאַרען די טהיר — דערמאָהנט זי זיך, נאָר באַלד פאַלט איהר איין, אַז עס וואָלט איהר גאָר ניט גע־אַרט, אַז עמיצער זאָל אַנקומען... פערקעהרט, זאָל מען טאַקע אָנ־קומען. זאָל קלינגען די גאַס מיט איהר, זאָלען אַלע וויסען, וואָס די וואוילע און שטילע באַשע־ביילע האָט זיי אָבגעטהאָן! און זאָל שוין זיין אַ סוף מיט איהר וואוילקייט און שטילקייט!..

ערשט וועט זי אָנהויבען צו לעבען, צו געניסען!

און זי רופט זיך אָן צו יאָסלען:

— איך וויים, אַז איהר מיינט מיט מיר ניט חתונה האָבען נאָר עס ארט מיך ניט...

יאָסעל קוקט זי אָן ערשטוינט:

— ווי הייסט, דיר אַרט ניט?

— מיר אַרט ניט! — זאָגט זי, ווי אימעצען אויף צו־להכעיס — איך בין ניט אויסען דוקא מיט אייך חתונה צו האָבען...

— וואָס דען ביזטו אויסען?.. — פרעגט ער איהר פערוואונ־דערט, און קוקט זי אָן מיט זיינע גרויע אויגען.

— איך בין אויסען אראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון שטיל־קייט און וואוילקייט און עהרליכקייט, דער יאָך, וואָס האָט מיר געדריקט דאָס גאַנצע לעבען...

ער האָט איהר ניט פערשטאַנען:

— וואָס רעדט זי פאַר מאָדנע ווערטער? פּאַרט אַ יאָלדין — האָט ער געטראַכט.

ער האָט איהר געוואָלט עפּעס ענטפערען, נאָר עס האָט זיך דערהערט ווי אימיצער געהט. ער האָט געמאַכט אַ בעוועגונג ארויס־צוגעהן, נאָר זי האָט איהם אָבגעהאַלטען:

— האָט ניט קיין מורא...

עס איז אריין די מוטער. דערזעהענדיג יאָסעל דעם רויטען, האָט זי געגעבען אַ פּאַטש מיט די הענד און דערשראָקען אויסגע־שריען:

— וועה איז מיר, וואָס טוהט ער דאָ...

— שריי ניט, מאַמע... — האָט באַשע־ביילע זיך געווענדעט צו איהר — יאָסעל דער רויטער וועט זיין מיין חתן...

— דיין מאַן... — האָט ער פערבעסערט, און טראַציג געקוקט אויף דער מוטער...

— וועה איז מיר! — האָט די אָרימע מוטער פערבראָכען מיט די הענד — ווי קומט עס צו דיר? — דו מאַכסט זיך דאָך אונ־גליקליך, טאָכטער מיינע... בעטראַכט זיך...

— עס שאַדט נישט מאַמע... — האָט באַשע־ביילע זי גע־טרייסט — זעקס און צוואַנציג יאָהר בין איך געוועזען אַ וואוילע און אַ שטילע, און איך בין ניט געוועזען גליקליך... איך האָב פון קיינעם ניט געהערט קיין איינציג וואָרט, וואָס זאָל רעדען צו מיין הארץ. יאָסעל דער רויטער איז דער איינציגער, וואָס האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ שעהן מיידעל...

— אַזאַ יאָהר האָב איך, ווי שעהן דו ביזט... — האָט יאָסעל בעשטעטיגט און געקוקט מיט ליעבע־בליקען אויף איהר...

— הערסטו... דער איינציגער, וואָס האָט פערשטאַנען וואָס צו זאָגען מיר — זאָל איך איהם ניט אָבדאַנקען דערפאַר?... הא, מאַמע, איך בין דאָך אַ וואוילע... — האָט זי איראָניש אויסגע־לאַזט...

די מוטער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און דורך טרערן געמורמעלט:

— טהו, מיין טאָכטער, ווי דו ווילסט...

יאָסעל דער רויטער האָט אָנגעקוקט דער אַלטער און טראַכ־טענדיג א ווײַלע, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, א קלאַפּ געטהאָן מיט׳ן פויסט איבער איהם, און אַרויסגעשריען:

— וויינט נישט, אידענע! איך וועל אייער באַשע־ביילע׳ן היטען ווי די אויג אין קאָפּ...

די מוטער איז א דערשראָקענע ארויס פון צימער.

ער איז צוגעגאַנגען צו באַשע־ביילע׳ן און זיך אָנגערופען:

— זאָג דיין מאַמען, זי זאָל ניט זיין קיין יאָלדין...

חאַשע־ביילע האָט זיך צולאַכט פון דעם וואָרט. זי האָט זיך צוגעבויגען צו איהם און מיט א לוסטיגען שמייכעל געפרעגט:

— וואָס בין איך?

— א שעהן מיידעל ווי גאָלד! — האָט ער הויך געענטפערט.

— גערדענק־זשע! האָט זי איהם לאַכענדיג געדראָהט מיט א פינגער — נישט קיין וואוילע און נישט קיין שטילע, נאָר א שעהן־מיידעל...

— א וואוילע אויך! האָט יאָסעל צוגעלעגט.

— אַך, מיין גאָט! ער אויך ווי זיי אַלע! — האָב מיך נישט ליעב פאַר מיין שטילקייט און עהרליכקייט. האָסט דאָך ערשט ניט לאַנג געזאָגט, אז איך בין א שעהנע מיידעל... — האָט זי ביי איהם געמאָהנט...

— אודאי אַשעהנע... האָט ער צוגעגעבען... שעהן ווי גאָלד, אָבער איך וויל דוקא אַן עהרליכע און א שטילע...

— דו ביסט אזא שלעכטער, ווי אַלע! איך בעט דיך, יאָסעל, דערמאָהן מיך נישט מיין עהרליכקייט... איך וויל זיין א פרעהליכע, ווי יענע מיידלאַך, וואָס דו שטעהסט מיט זיי ביים טויער; איך וויל ניט זיין קיין שטילע...

יאָסעל האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט און גאָר נישט פער־שטאַנען...

אין מיטען דערינען.

חיים ליבקינד, א יונגער אינטעליגענטער מאן פון 25 יאָהר, איז געגאנגען אין די וויענער גאסען, ניט וויסענדיג אליין וואוהין ער געהט. עס איז געווען ווינטער, 5 א זייגער פארנאכט. די גאסען זיינען געווען פערגאָסען מיט העלען ליכט, וואָס האָט געשפּארט פון יעדען מאגאזין, פון יעדען הויז, פון יעדען פאָנאר, פון יעדען טראמ־ווי וואגאָן. דאָס ליכט האָט עפּעס געמאָנט, געפאָדערט און ערגיץ גערופען... און ליבקינד האָט ניט געוואוסט וואו זאָל ער הינטהאָן די פיעל ענערגיע, וואָס ער פערמאָגט יעצט. פּלוצים האָט איהם א שיין געטהאָן פאר די אויגען א פרויען־הוט מיט ברייטע ברעגען און מיט א ווייסער פעדער; א בעקאנטע הוט; פריילין זשענע וואסערמאן! האָט איהם דורכגעבליצט אין קאָפּ.

— גוטען אבענד! — האָט ער זי אָבגעשטעלט מיט א שמייכעל, אראָבכאפּענדיג זיין הוט.

— גוטען אבענד! — האָט איהם, ווי דער ווינד פאר איהם, געענטפערט. זי האָט זיך פארבייגעטראָגען, ער האָט אינסטינקטיוו זיך אומגעקוקט און האָט זיך בעגעגענט מיט איהרע בליקען.

ער איז צוגעגאנגען צו איהר און האָט איהר, אז זי איז שוין שטעהן געבליבען, דערלאנגט די האנד, פרעגענדיג מיט א שמייכעל:

— פון וואנען, פריילין? פון אוניווערסיטעט! — ווער האָט געלעזען? — יאדעל, איבער וואָס? — איבער פסיכאָלאָגיע.

— איין עסק האָט איהר — מיט דער פסיכאָלאָגיע, — האָט ער געלאכט.

— נו, נו! — האָט זי זיך געמאכט בייזערן.

— שא, שא! וואוהין געהט איהר?

— אהיים. בעגלייט מיך, אויב איהר ווילט.

— און נאכהער צוריק אַן עלענדער אוועקגעהן, — האָט ער געלאַכט.

— איהר קענט אריין צו מיר, אָבער אויף אַ האַלבע שעה נור....

— האָט זי פאַרגעלעגט, אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ.

— בעגרענצט זיין וויל איך ניט, — האָט ער געלאַכט.

זיי זיינען געגאַנגען ווייטער. עס האָט אַ בלאָז געטהאָן אַ ווינט.

— אָה, סאַרא ווינט! — האָט זי זיך ליעב פערקרימט און האָט מיט דער רעכטער האנד צוגעהאַלטען די הוט, וואָס דאָס האָט איהר זעהר געפּאַסט.

ליעבקינד האָט איהר ליעב אָנגעקוקט. זי האָט עס בעמערקט און איז רויט געוואָרען, ניט געפינענדיג גלייך וואָס צו זאָגען, ענד־ליך אַרויסשיסענדיג:

— איך דענק קויפען אַ טול, ווי רעכענט איהר, העלפט עס צום ווינט....

— אָ, יאָ! — האָט ליעבקינד בעשטעטיגט, — אַלענפאַלס וועט עס אייך זעהר פּאַסען.

— נו, נו! — האָט זי זיך ווידער געבייזערט.

— שאַ, פריילין, וואָס אַרט אייך אַז איך לאַך אַביסעל.

זי איז שטיל געבליבען. ליעבקינד האָט עפּיס איהר געוואָלט זאָגען און האָט געקלערט: זאָגען אָדער ניט? ענדליך האָט ער זיך ניט איינגעהאַלטען.

— זשענע, קומט ערגעץ!

— וואוהין?

— קומט אין אַ קאַפע!

— משוגע זענט איהר? — האָט זי זיך ווי דערשראָקען.

— פאַר וואָס?

— איך דאַרף די לעקציאָן איבערקוקען.

— אָבער לאָזט צורוה אייער לעקציאָן, קומט אין קאַפע סוללער, אַי איז דאָרטען שעהן!

זי האָט געשוויגען. דאָס האָט איהם צוגעגעבען מוטה.

— קומט ,איך בעט אייך!

— ניין, ניין! איך מוז געהן אהיים, — האָט זי ענטזאגט. — קומט צו מיר אריין אביסעל.

— וואָס וועל איך ביי אייך טהאָן, ביי אייך איז אומעטיג. קומט אין קאפע, איהר וועט זעהן א קאפע, איהר וועט זעהן א טיהר!

— וואָס פאר א טיהר? — האָט זי שמייכלענד געפרעגט.

— אָבמאָלען קען איך אייך ניט, דאָס דארף מען זעהן, דאָס טיהר דרעהט זיך, זעהר אינטערעסאנט, קומט, קומט!

— אין מיטען דערינען אין קאפע, — האָט זי זיך כלומרשט געוואקעלט.

— נאָר אין מיטען דערינען, — האָט ער זי געמונטערט, — פערגעניגען קומט שטענדיג אין מיטען דערינען, ווען איהר וועט ווארטען אויף איהם, פאַרבערייטען זיך צו איהם, וועט ער קיינמאָל ניט קומען....

— א נייע תורה! — האָט זי קריטיקירט.

— אודאי א נייע, אָבער איין אמת'ע.

— ווי הייסט די תורה? — האָט זי געפרעגט לאַבענדיג.

— תורה־לעבען... — האָט ער געענטפערט און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען.

זי האָט דאָס בעמערקט און האָט זיך אָבגעשטעלט ווי דער־שראָקען.

— ניין, איך געה ניט! — האָט זי ענדליך בעשלאָסען.

— זשענע, איך בעט אייך, קומט! — האָט ער זיך געבעטען. אָבער אין זיין קול האָט וואָס שטארקעס געקלונגען.

זשענע האָט איהם אָנגעקוקט.

— איהר זענט א מאָדנער! — האָט זי געזאָגט, און מאַכענדיג א קליינע פּאַוזע, האָט זי צוגעגעבען: — אָבער ניט אויף לאַנג!

— ניין, ניין! — האָט ער זי פערזיכערט, — נאָר איך בעט אייך, ניט בעשטימט קיין צייט, איך קען עס ניט ליידען! אַלזאָ, דארפען מיר זיך נעהמען רעכטס, — האָט ער געענדיגט די פראגע. און האָט אריינגעלעגט די האנד אין איהר ארם. זי האָט אויף איהם

אויפגעהויבען איהרע אויגען. ער האט איהר ארם שטייף צו זיך גע־
דריקט און האט שמייכלענד געווענדעט זיך צו איהר:

— זשענע!

— איהר זענט א גוטער יצר־הרע! — האט זי געענטפערט,
צודריקענדיג זיך צו איהם, — אין מיטען דערינען אין א קאפע.

— אויב איהר וועט חרטה האבען צאהל איך קנס.

— איך דארף ניט אייער קנס.

— טא וואס זשע ווילט איהר?

— גארנישט.... קומט!

— אט אזוי אהב איך איך ליעב...

ענדליך זיינען זיי געקומען צום קאפע. ביין טיהר איז זי
שטעהן געבליבען.

— ווי געהט מען אריין? — האט זי געפרעגט, בעטראכטענ־
דיג די טיהר מיט די פליגלען.

— עס איז אנגעשריעבען. איהר לעזט דייטש?

„געהן רעכטס, שטאסען (איך דענק אז עס דארף זיין „שטרא־
סען"). געפעלט איך די טיהר?

— א משוגעת.

— דאס איז דאך קולטור...

— שעהנע קולטור!....

זיי זיינען ענדליך אריין אינעווייניג.

די גרויסע קאפע מיט די פיעלע עלעקטרישע לאמפען האבען
אנפאנגס איהר פערבלענדעט און בעטויבט און זי האט ניט געוואוסט
אויף וואס פאר א וועלט זי איז.

— געהט, געהט ווייטער, אהין, צו יענעם טישעל.

זיי האבען זיך אוועקגעזעצט. אוועקזעצענדיג האט זי זיך בע־
רוהיגט און האט אנגעהויבען בעטראכטען. פיעלע טישלאך זיינען
געווען פערנומען מיט געסט, העררן און דאמען, וועלכע יינען גע־
עסען און פרעהליך געפלוידערט.

— געפעלט איך? — האט ער זי געפרעגט.

— זעהר! זעהר! א גן־עדן! — האט זי געשטאמעלט.

עס איז צוגעגאנגען א קעלנער.

— וואס איז אנגענעהם ?
ליעבקינד האט בעשטעלט.

— נו, איהר וועט ווייטער זיך ניט לאזען בעטען אזוי לאנג, הא?

— טייערע זאך ! — האט זי איראניזירט. — אייגענטליך איז דאך דאס ראזווראט. מען טאר דא גאר ניט זיצען.

— וועגען דעם אן אנדערסמאל. דערווייל גרייט זיך צו. דער קעלנער טראגט שוין קאפע פיר אונז.

דער קעלנער האט פאר זיי אוועקגעשטעלט צוויי גלאז קאפע.

— וואס קאסט עס דא ? — האט זי געפרעגט.

— טרינקט, רעדט ניט קיין נארישקייט.

— שוין לאנג אז איהר זענט אזא גביר ? — האט זי גע־פרעגט מיט איראניע.

— זיין מיט אייך דא, איז מען שוין גענוג רייך.

— פוי ! מאכט ניט קיין קאמפלימענטען. איך לייד עס ניט !

— גערעכט ! איך האב עס טאקי אויך פיינט.

— טא וואס זשע מאכט איהר ?

— ענטשולדיגט.

— נו, גוט.

זיי זיינען געזעסען א ווײלע שטיל. נאכהער האט זי געזאגט:

— איך פיהל זיך דא ניט גוט, קומט.

— פאר וואס ? — האט ער זיך דערשראקען.

— ניין, ניין ! דאס איז ניט קיין ארט פאר מיר... פוי, מיך עקעלט, מיך עקעלט !

— וואס רעדט איהר ? — האט ער זיך דערשראקען. — דא איז דאך אזוי שעהן, אזוי פראכטפאל !

— פוי ! — האט זי זיך געקרימט. — פוי ! שמוץ איז דא, שמוץ ! זעהט ווי דער קעלנער בויגט זיך פאר יעדען. זעהט ווי די דאמע מאכט חנ'דעלעך, זעהט ווי....

— אבער, איהר זענט א נאר.... — האט ער איהר געזאגט, ניט וויסענדיג וואס אנדערש צו זאגען.

— קומט, קומט ! — האט זי געזאגט שטרענג, — זאנסט געה איך אוועק.

— אָבער וואָס עפּעס אין מיטען דערינען?

— איהר זאָגט דאָך אַז אַלץ קומט אין מיטען דערינען.

— דאָס פערגעניגען נאָר.... — האָט ער געשטאַמעלט.

— ביי אייך קומט דאָס פערגעניגען, און ביי מיר דער עגמת נפש.

— פאַר וואָס? — האָט ער זיך געבעטען.

— אויפ'ן גאַס וועל איך אייך זאָגען, קומט!

זיין שטאַרקער טאָן איז פערשוואונדען. ער האָט זיך געפיהלט שוואך און אונבעהאָלפען געגען דער קליינער שוואכער מיידעל.

זיי זיינען אַרוים אין גאַס און זיינען שטעהן געבליבען.

ליעבקינד האָט זיך געפיהלט ווי שולדיג. זי האָט געקוקט אין דער ווייטקייט.

— קומט! — האָט ער ענדליך אויסגערעדט און זי גענומען אונטער'ן אָרם.

זי האָט מיט כעס אַרויסגעריסען די האַנד.

— איך וויל ניט.

ער האָט זיך דערשראָקען.

— טאָ קומט ניט געאַרמט, — האָט ער זיך געפּלייסט צו שמייכלען.

— איך בעט אייך, לאָזט מיך צורוה, איך וועל אַליין געהן.

— אַזוי שפּעט? אין אַזאַ שטאָדט.... איהר האָט גאָר קיין מורא ניט....

— חאַ—חאַ—חאַ! — האָט זי זיך גיפטיג פאַנאַנדערגעלאַכט, — און מיט אייך איז ניט קיין מורא.... פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבען, פיר אַ מאַנסביל, און איהר זענט דען אַ פרוי?....

— זשענע!....

— לאָזט מיך אַליין! — האָט זי אויסגעשריען ערנסט, — אַדיע!

— און זי איז פערשוואונדען.

— זי איז משוגע! — האָט ליעבקינד, בלייבענדיג אַליין, אויסגעשטאַמעלט פאַר זיך. נאָר אינעווייניג האָט ער געהערט אַ קול:

— זי איז גערעכט....

אַ שפּיעל.

ווי א שווארצער ראָב האָט די רעאַקציע פערשפּרייט די פליע־געל אויף אַלץ, וואָס האָט געלעבט און געקעמפּפט. ביי די בעסטע און מוטהיגסטע רעוואָלוציאָנערע העלדען האָבען זיך די הענד אראָב־געלאָזט און פיעלע פון זיי האָבען געמוזט אויסוואַנדערן, צולויפען אין פרעמדע לענדער, ווער מיט דער האָפנונג צו קומען צוריק אין בעסערע פרייערע צייטען און ווער פול מיט יאוש און פערצווייפ־לונג.

צו די לעצטע האָט געהערט חיים גרויסמאַן, וועלכער האָט גע־אַרבייט אין דער בעוועגונג ביי א יאָהר צעהן — פון זיין צוואַנציג־סטען ביז דרייסיגסטען יאָהר; ניט איין באַריקאַדע האָט ער אויף די ווארשעווער גאַסען אויסגעשטעלט, ניט איין פלאַג האָט ער אויף די הייזער ארויסגעהאַנגען, און ניט איינמאָל איז ער אין געפאהר געוועזען דערשאָסען צו ווערען. נאָר דער מוטה און דער גלויבען אין דער הייליגער זאַך האָט איהם געהאָלפען שטענדיג ארויס גאַנץ, פיזיש און גייסטיג.

אָבער אויך ער איז ענדליך ענטמוטהיגט געוואָרען, און דער־מאָנענדיג זיך אן אַלע זיינע טהאַטען, פאַר וועלכע עס וואָלט איהם די תליה וועניג געווען, האָט איהם אָנגעכאַפּט א שרעק און יעדע נאַכט פלעגען איהם קומען צו חלום תלינים, איינגעהילט אין רויטע

קליידער און מיט אויסגעשטשירעטע ציינער הויך געלאכט איבער איהם און געשלעפט איהם ערגעץ אויף א הויכער וואנד... ער איז געקראכען, געקלעטערט, הויך, הויך, ביז ער האט דערגרייכט דעם אונגעהייערען הויכען שפיץ, פון דארט איז ער ארונטערגעפאלען און ערוואכענדיג פלעגט איהם א קאלטער שוויים בעגיסען און די שרעק אויף דער וואך פלעגט נאך גרעסער ווערען.

און ווי א שאטען האט ער זיך אין די „בערוהיגטע“ גאסען גע־שלעפט, ציטערענדיג פאר יעדען פאליציי־מאן און אין יעדער ציוויל־געקליידעטען מענשען — א שפיאן געזעהען...

דאס איינציגע מיטעל איז געווען צו אנטלויפען. אבער וואנ־דערבאר, דער זעלביגער גרויסמאן, וואס האט די גאנצע צעהן יאהר, ארבייטענדיג אין דער בעוועגונג, איבער'ן גרעניץ געפאהרען בגנבה, האט פלוצים דערפיהלט א גרויסע שרעק איבערצוגעהן די גרעניץ מיט די בעקאנטע אגענטען, ווי ביז אהער און אז די נאהענטערע בעקאנטע, אויך געוועזענע קעמפפער, פלעגען איהם פרעגען:

— חיים, וואס ווארטסטו — אנטלויף... פלעגט ער דערשלאגען ענטפערן:

— איך ציטער פאר דער גרענעץ! אזא שטרענגקייט!

און פון די אלע געוועזענע העלדען, זיינע בעקאנטע, האט זיך קיין איינער ניט געפונען, וואס זאל איהם צוגעבען מוטה, צו פאה־רען אויפ'ן אלטען אופן, — וואס עס האט חיים'ען נאך מעהר ענטמוטהיגט, און ווי א חיה אין א שטייג, האט ער זיך אן איינ־זאמער ארומגעדרעהט אין דעם גרויסען ווארשוי, זוכענדיג א טהיר, וואו ארויסצוגעהן פון געפאהר...

איינמאל, געהענדיג אזוי פערטראכט אין זאקסישען גארטען, וואו אויף יעדען ווינקעל איז א זשאנדארם געשטאנען, איז צו חיים'ען צוגעגאנגען העניך בורזשוי, א זוהן פון גביר'ישע עלטערן, וואס איז אבער אין דער צייט פון דער רעוואלוציע טהעטיג געווען אוו האט

זיך גוט פערטראָגען צו חיים'ען, און אָברופענדיג איהם אין א ווינ־קעל איהם בסוד געפרעגט:

— חיים, ווילסט פאָהרען כשר קיין אויסלאנד?

— דו פרעגסט נאָך? — האָט חיים זיך אָנגעבאָפּט...

— אַלזאָ, הער אויס, מיין שוועסטער אידע פאָהרט צו איהר מאַן סענדראָוויטש קיין בערלין. דער אויסלענדער פּאַס איז געמאכט פאַר זייביידען, ער איז אָבער פריהער אוועקגעפאָהרען... קענסט פאָהרען אויפ'ן פּאַס אַלס איהר מאַן...

פאַר חיים'ען האָט גליך א בליץ געטהאָן די שווארצע אויגען, און דאָס גאַנצע חן'עווודיגע געזיכט פון אידע'ן, וועלכע ער האָט גוט געקענט און מיט וועלכע ער האָט אין דער רעוואָלוציאָנס־צייט געַרעדט בלויז וועגען קאמפּפּס־אַנגעלעגענהייט. איצט דערהערענדיג, אַז זי האָט שוין א מאַן, האָט איהם ווי עפּעס א ריהר געטהאָן דאָס האַרץ, און בלאָס ווערענדיג פאַר אויפרעגונג, האָט ער שנעל גע־ענטפערט:

— יאָ, יאָ! איך וועל פאָהרען אַלס איהר מאַן... און זעהענדיג ווי העניך קוקט איהם אָן ווי פערדעכטיג, האָט ער צוגעגעבען:

— איך וועל ניט אריינפאַלען...

העניך, א גוט־מוטהיגער יונגער בחור, האָט איהם א קלאַפּ גע־טהאָן אין פּלייצע און געזאָגט:

— דו — אריינפאַלען!... עט, דערפאַר האָבען מיר שוין קיין מורא ניט.

און אָברעדענדיג וועגען דער צייט פון דער רייזע, וועלכע איז אויסגעקומען אין א וואָך ארום, זיינען זיי זיך צוגעגאַנגען.

די דאָזיגע וואָך האָט זיך ביי חיים גרויסמאַן געצויגען ווי א יאָהר... אָבער ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט וואָס גיכער בעפרייט ווערען פון דעם שרעק, וואָס ער לעבט דורך אין וואַרשוי, נאָר אויס נייגירדע צו פאָהרען אַלס א מאַן פון דער ליעבער, שעה־נער אודע'ן... עפּעס איז איהם די דאָזיגע כלומרש'טע שפּיעל זעהר

ערנסט אויסגעקומען, און ליגענדיג אין זיין צימער, וועלכער האט זיך געפונען אין א פערוואָרפענעם ווינקעל, האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט דאָס שעהנע געזיכט פון סענדראָוויטש'עס יונגע ווייבעל אידע, וועלכע וועט זיך באלד געפינען אין זיין, חיים'ס שוץ און א ציטעריגעס, א יונגעס ביינקעניש האט אנגעפיללט דאס הארץ זיינס...

— ברוך סענדראָוויטש... ברוך סענדראָוויטש... האָט ער גע־חזר'ט יענעמס נאָמען, כדי ניט אריינצופאלען אויף דער גרעניץ, און די גאנצע וואָך חזר'ענדיג אזוי, האָט זיך איהם גענומען דוכטען, אז פון איצט אָן איז ער אויס חיים גרויסמאַן, קעמפּפער און רע־וואָלוציאָנער, נאָר ברוך סענדראָוויטש, א סטודענט פון בערלינער אוניווערזיטעט, א בלאָנדין פון 25 יאָהר, וועלכען די שעהנע אידע האט אזוי ליעב...

— אלזאָ, אָט האָט איהר אייער ווייבעל! — אזוי האָט זיך גע־וועגדעט צו חיים'ען אידע'ס פאָטער, א הויכער ברייט־ביינינער איד, מיט א שעהנער ברייטער באָרד און גאָלדענע ברילען אויף דער אריסטאָקראַטישער נאָז...

חיים'ען איז פון די דאָזיגע ווערטער א זיסע וואַרימקייט צו־גאנגען איבער אלע גליעדער; פערשעמט האָט ער אָנגעקוקט די שלאנקע אידע, וועלכע איז שוין געשטאנען רייזע־פערטיג און האט ליעבליך געשמייכעלט צו חיים'ען...

— איהר זאָלט זי היטען! האָט זיך אויך פון איהר זייט גע־ווענדעט אידע'ס מוטער, א פרוי פון א יאָהר 50 אין א שווארצען קלייד מיט גרויסע אויגען...

— ווי די אויג אין קאָפּ! — האָט חיים בעגייסטערט אויסגע־רופען און האט זיך גלייך פערשעמט פאר דער דאָזיגער היציגער פראַזע...

— פאָרגעסט נאָר ניט, אז איהר זייט ברוך סענדראָוויטש! — האָט אידע פון איהר זייט ליעבליך געשמייכעלט, אנקוקענדיג חיים'ען זעהר פריינדליך!

— אָ, דאָס גערייגק איך שוין צו גוט ! — האָט חיים ווידער זיך ארויסגעכאַפּט מיט היטץ...

— יאָ, נאָט אייך דעם פּאַס און איך בין אונטער אייער שוץ ! — האָט אידע זיך אָנגערופען, איבערגעבענדיג דאָס ביכעלע חיים'ען.

חיים האָט עס זאָרגפעלטיג ארייגעלייגט אין טאַש און מיט ליעבענדע בליקען אָנקוקענדיג אידע'ן, האָט ער זיך ארויסגעכאַפּט :

— עס איז ווירקליך מיר זעהר אנגענעהם...

אויף וואָס ער האָט גלייך חרטה געהאַט...

ביז דער גרעניץ האָט דער צוג געהאַט צו מאַכען דריי שטונדען רייזע. חיים איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט אידע'ן און ווע־לענדיג ווערען מיט איהר נעהענטער, האָט ער זיך פּלוצים צו איהר געווענדעט :

— איך רעכען, אז כדי עס זאָל ניט פאַלען אַ פערדאַכט, וואָלט איך אייך אין דער צייט פון דער רייזע געזאָגט דו. דאָס זעלבע איהר מיר...

נאָך דער דאָזיגער קורצער, פּראַקטישער פאָרלעגונג איז ער רויט געוואָרען און געוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף איהר צו־שטימונג.

— ווייס איך — האָט זי געקווייגקעלט, — אין דער העברער געזעלשאַפט איהרצען זיך מאַן און ווייב...

— ביי אונז קען עס אָבער זיין פערדעכטיג... איך מיין, אז „דו" וואָלט געווען צוועקמעסיגער... איז חיים דרייסטיג געוואָרען.

זי האָט ענדליך דעם פאָרשלאַג אָנגענומען.

צום אונגליק אָבער האָט חיים ניט געפונען קיין געלעגענהייט אויסצוניצען דעם גליקליכען „דו".

ענדליך אָבער איז איהם געלונגען. ער האָט ארויסגעקוקט אין פענסטער פון וואַגאָן. די זון, פערגעהענדיג, איז אין אַ רויט־בלוטיגער קויל געהאַנגען הינטער אַ געדיכטען וואַלד און האָט בעגולדעט די שפּיצען בוימער מיט איהר אָבשיין. דאָס בילד האָט חיים'ען ענטציקט און ער האָט אויסגעשריען :

—אידע, גיב א קוק, ווי שעהן !

אידע האט זיך אויפגעשטעלט, ארייננעקוקט דורך'ן פענסטער און זיך אנגערופען :

— ווירקליך.

חיים איז געשטאנען הארט נעבען איהר און אנשטאט צו קוקען אויף דער פערנעהענדער זון האט ער זיינע בליקען איינגעדרונגען אין דעם ליעבען געזיכט פון אידע סענדראוויטש און איז טרויעריג געווארען.

אין איין אויגענבליק איז די זון ניט געווארען, ווי דער שווארצער וואלד וואלט זי פארשלונגען... זיי האבען זיך אוועקגעזעצט און אידע האט זיך אנגערופען...

— איהר ווייסט...

— „דו ווייסט" — האט איהר חיים פערבעסערט — מען קען ארייגפאלען...

— עס האט נישט קיין מורא ! האט זי זיך איינגע'עקשנ'ט... איהר ווייסט אז באלד איז שוין די גרעניץ.

— דעסטא מעהר דארף מען פארזיכטיג זיין ! אלזא, וואס זאגסטו, אידע...

אידע האט גוטהערציג געשמייכעלט און האט געענטפערט :

— אויב איהר ווילט זיך שפיעלען, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען !

און פרעהליך ווערענדיג האט זי פארטגעזעצט:

— איך זאג, מיין טהייערער סענדראוויטש, אז באלד איז די גרעניץ...

— נו איז וואס, אידע-לעבען ! האט ער צוריק געשמייכעלט און אנגענומען איהר קליינע סאמעטענע הענטעל...

זי האט די האנד ניט ארויסגענומען. דאס האט חיים'ען דרייסטער געמאכט. ער האט זיך צוגערוקט צו איהר נאהענט, גאנץ נאהענט און געפליסטערט :

— דו ביזט אַ זיסע ליעבע קינד....

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע, שווארצע אויגען און געשוויעגען...

ענדליך איז דער צוג אָנגעקומען אין אַלעקסאַנדראָווע, די גרע־ניץ סטאַציאָן. אין וואַגאָן האָט זיך בעמערקט אַ נערוועזע בעווע־גונג: אַ הויכער זשאַנדאַר מיט שטרענג פערדרעהטע וואָנסען איז אריין, און ווענדענדיג זיך מיט איין בעפעהל צו אַלעמען, האָט ער געשריען:

— די פּאַספּאָרטען!

חיים גרויסמאַן האָט שנעל ארויסגעכאַפּט דעם פּאַספּאָרט און דערלאַנגט.

— אַ ווי (און איהר)? האָט דער זשאַנדאַרם זיך געווענדעט צו אידע'ן.

— עטאַ מאָיאַ זשענאַ (דאָס איז מיין ווייב).

— האָראָשאָ! האָט דער זשאַנדאַר מסכים געווען אויפ'ן שידוך.

און מיט דער הסכמה איז חיים זעהר צופרידען געווען.

דער זשאַנדאַר צונויפנעהמענדיג די פּעסער איז ארויס, פער־שליסענדיג הינטער זיך די טהיר פון וואַגאָן.

— איצטער זיינען מיר באמת מאַן און ווייב! האָט חיים העכסט אויפגערעגט אריינגעפּליסטערט אידע'ן אין אויער.

— יא, יא! — האָט אידע איינגעשטימט.

די איינשטימונג האָט חיים'ען גליקליך געמאַכט... ער האָט זיך דרייסט געווענדעט צו איהר מיט אַ צערטליכער שטימע:

— ווילסט אפשר עפּעס עסען?

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און גוטהערציג געענטפערט:

— איך ניט, אפשר ווילט איהר? — אפשר ווילסטו, מיין ליעבער?... האָט זי פערריכט.

— יע, איך וויל טאקע עפּעס עסען:

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אראָבגענומען פון אויבען איהר קליינעם רייזע־טאַש אין וועלכען עס האָט זיך געפונען דאָס עסענ־וואַרג און האָט איהר דערלאַנגט.

זי האָט עס אויפגעעפענט און ארויסגענומען די שפּייז, וואָס איהר מוטער האָט פאַר איהר דאָרט אָנגעגרייט.

— לעבען זאָל מיין גוטע מאַמע! — האָט אידע עסענדיג גע־בענשט איהר מאַמען און איהרע גרויסע אויגען זיינען נאָך גרעסער און שווארצער געוואָרען....

— עס, סענדראָוויטש! — האָט זי זיך געווענדעט צו חיים'ן.

— יאַ, מיין טייבעלע, איך וועל עסען...

זי האָט זיך הויך צולאַכט...

— איהר זיינט אַן ארטיסט! — האָט זי איהם אריינגעשושקעט אין אויער...

— ווארום? — האָט ער געפרעגט...

— אַך, מיין גאָט! איז זי כלומרשט בייז געוואָרען פאַר וואָס ער פערשטעהט ניט און האָט זיך גענומען צום עסען...

באַלד אָבער איז אריין דער זשאַנדאַר שוין צוזאַמען מיט אַן אָפיציער און האָט פערטהיילט צוריק די פּעסער.

— ברוך סענדראָוויטש!

— יאַ! — האָט זיך גרויסמאַן אָנגערופען אַ ביסעל אויפ־געדעגט.

דער אָפיציער האָט איהם אָנגעקוקט, דערלאַנגט דעם פּאַס און זיך געווענדעט צו אידע'ן:

— אַ ווי (און איהר)?

— מאַי מוזש... (מיין מאַן) — האָט זי געענטפערט אָנווייזענדיג אויף חיים'ען.

— פּרעקראַסנאַ! האָט דער אָפיציער גוטמוטהיג איינגע־שטימט...

און חיים גרויסמאַן, פערגעסענדיג אַן דער רעוואָלוציע, אַן

די באַריקאַדען, אָן דער שנאה צו דער אַרמיי, איז אין האַרצען גע־וואָרען דאַנקבאַר דעם דאָזיגען יונגען אָפיציער, און אין אַ ווײַלע אַרום, אַז דער זשאַנדאַרם מיט'ן אָפיציער זײַנען אַרויס, האָט ער זיך אָנ־געגרופען:

— פאַראַן דאָך צווישען זיי אויך גוטע מענשען...

— אַזאַ יאָהר אויף זייערע קעפּ! האָט אידע ניט געוואָלט מסכים זײַן, וואָס עס האָט חיים'ען פערדראָסען...

דער צוג האָט זיך גענומען ריהרען.

— שוין נאָכ'ן גרעניץ! האָט אידע פרעהליך אויסגערופען.

— פון דעסטוועגען זײַנען מיר נאָך אַלץ מאַן און ווײַב... „פרייסען" איז ניט בעסער פון פּאָניען... מיר מוזען זיך נאָך אַלץ „דוצען".

— דוצען איז דוצען! האָט אידע גלייכגילטיג אָנגענומען.

ביי די ווייטערדיגע סטאַנציע איז געוואָרען אַלץ געריימער און געריימער. ענדליך איז אין וואַגאָן געבליבען נאָר דאָס פּאָר פּאָלק אַליין.

— מיר זײַנען אַליין! האָט חיים אויסגעשריען מיט שמחה.

אידע האָט די שמחה ניט פערשטאַנען. זי האָט חיים'ען קאַלט אָנגעקוקט און געזאָגט:

— איצט קען איך אײַך אָנרופען מיט'ן אמתן נאָמען. אַלזאָ הערר גרויסמאַן, וואָס דענקט איהר צו טהאָן אין אויסלאַנד?

— אין אויסלאַנד!... איז חיים ווי פערציטערט געוואָרען... אין אויסלאַנד...

און ער איז געבליבען שטום, ניט האָבענדיג וואָס צו ענטפערן.

און דערמאָהנענדיג זיך, אַז דער שפּיעל איז שוין איצט אויס און עס פאַנגט זיך אָן דאָס אמת'ע, דאָס ווירקליכע, דאָס טרויעריגע, אַז באַלד קומט דער אמת'ער סענדראָוויטש, וועלכער וועט דאָס דאָ־זיגע שעהנע ווײַבעל אַלס זײַן אייגענס צונעהמען, און ער, חיים, וועט זיך לאָזען בלאָנדזשען אין די בערלינער גאַסען עלענד און אַליין, —

דערמאָנענדיג זיך אָן דעם אַלעם האָט איהם ערגריפּען אַ ווילדע שרעק, אָן אַנגסט פאַר דער לאַנגער פינסטערער צוקונפט...

ער האָט אריינגעקוקט אין פענסטער. די נאַכט איז געווען שוואַרץ. נאָר וואו ניט וואו האָט זיך פאַרביי געטראָגען אַ ליכט, אַ ווייטער שיין, — פאַרבייגעטראָגען און פערלאָשען...

די מלכה.

א גאַנץ ווינטער האָט זיך אַראָנאָוויטש אַרומגעדרעהט ווי אַן איבעריגער אין דער גרויסער פרעמדער שטאָדט: די מאַטעריעלע נויט, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו ליידען, האָט איהם ניט אַזוי געדריקט, ווי די איינזאַמקייט. ער האָט אפילו געהאַט אַ פּאָר בעקאַנטע, נור די בעקאַנטע זיינען דוקא געווען בעשעפטיגט ווער מיט לעקציעס, ווער מיט בוכהאַלטעריע. ער נאָר אַליין איז געווען פריי כמעט דעם גאַנצען טאָג. אין דער קליינער קאַפּע־הויז, וואו ער איז געווען כמעט אַ תושב, פלעגט ער אַמאָל כאַפּען אַ שמועס מיט די שכנים ביי איין טישעל, נאָר דאָס רוב זיינען עס געווען יונגע לייט פון געשעפטען, און זייערע מיינונגען און אַנשויאונגען האָבען איהם ניט אינטערעסירט און ניט צופרידען געשטעלט; זיין האַרץ האָט געדורשט נאָך אַ שטיל, אויפריכטיג וואָרט, און דאָ אין קאַפּע הויז האָט מען גערעדט הויך און גרילציג, און די טהעמאַ איז געווען געשעפט און געלד. אמת, אַמאָל פלעגט מען דאָ הערען אויך ריידען וועגען פרויען. נור אַראָנאָוויטש, וואָס האָט די פרוי געהאַלטען פאַר זיין העכסטען אידעאַל, פלעגט פערציטערט ווערען, ווען איהם פלעגט אויסקומען צו כאַפּען אַמאָל אַ וואָרט פון אַ געשפרעך וועגען פרויען, וואָס עס פלעגט פאָרקומען דאָ אין קאַפּע הויז.

ער געדענקט נאָך דעם ענטפער, וואָס א שכן פון איין טישעל האָט איהם געגעבען אויף זיין בעמערקונג וועגען דער שעהנער שלאַנ־קער קעלנערין.

דערמאָנענדיג זיך יענעמס ענטפער, פלעגט ער א לאַנגע צייט נאָך דעם רויט ווערען און פלעגט ביי יעדען מאָל ארויסמורמלען:

— גראָבע ציניקער!

געלעבט האָט ער נאָר מיט די בריעף, וואָס ער האָט בעקומען פון דער היים, איבערהויפּט די בריעף פון זיין ליעבער גוטער שוועסטער, וועלכע האָט איהם געשריבען א סך און פול מיט אינ־האַלט. די דאָזיגע בריעף פלעגט ער לעזען אַלע אבענד, קומענדיג אין זיין קליין צימעריל. דאָס צימעריל איז געווען קליין, און זיין קאָפּ איז געווען פול מיט טרוימען און פערלאַנגען און בענקשאַפט, אז אראנאָוויטשען פלעגט זיך דאכטען אז דאָס צימעריל האָט קיין פּלאַטץ ניט פאַר אזוי פיעל טרוימערייען און ער פלעגט איינגראָ־בען דעם קאָפּ אין קישען און איינשלאָפען...

שטאַרקער איז אָבער געוואָרען זיין בענקשאַפט אין די ערשטע טעג פון פריהלינג. די ערשטע זונען־שטראַהלען האָבען ווי צושמאָל־צען דעם גאַנצען טרויער, וואָס האָט זיך אין לאַנגען קאַלטען ווינ־טער אָנגעקליבען און פערגליווערט געוואָרען אין איין שווערען שטיק... דער טרויער האָט זיך זים און שטיל צוגאָסען איבער זיין גאַנצען קערפּער און שטונדען לאַנג פלעגט ער אָפּזיצען אין שטאָדט־גארטען און טראַכטען פון זיין היים, פון דעם ליעבען קליין שטעדטעלע, וואו מען וויים נישט פון פריהלינג, נאָר פון ערב פסח, וואָס זיין הר־הא טראָגט אריין אזוי פיעל גליק און האָפענונגען אין די הערצער פון די דאָרטיגע קליינע און אָרימע אָבער ליעבע מענ־שעלעך...

ווען ער וואָלט ניט קלאָר געוואוסט די לאַגע פון זיינע היימיגע, וואָלט ער זיך אָבגעשעמט און אָנגעשריבען: „מיינע טהייערע, איך בענק נאָך אייך, נאָך'ן שטעדטיל, נאָך'ן פסח. שיקט מיר עטליכע רובעל און איך קום צופליהען!"

ער האָט אָבער געוואוסט ווי שווער דאָס וואָלט פאַר זיי גע־

זוען און ער האָט זיך בענוגענט נאָר מיט'ן פאַרשטעלען זיך זיינע ליעבע און זיין היים אין גערענק...

ערב פסח האָט ער געטראָפען זיינע צוויי נעהענטערע בעקאַנטע — הערמאַן און באַרים — דאָס זיינען געווען העברעאישע לעהרער, פון וועלכע איינער, הערמאַן, האָט געהאַט אַ נייגונג צו שרייבען ליעדער. אראַנאָוויטש'ען איז זיינע ליעדער געווען געפעלען פאַר זייער אינהאַלט: דאָס זיינען געווען ליעדער, וואו עס האָט געקלונגען צאַרטע, איידעלע טענער פון ליעבע. איין ליעדעל האָט אַראַנאָוויטש זאָגאַר איבערגעשריבען און זיך אויסגעלערנט אויף אויסווענינג. הערמאַן'ען האָט עס שטאַרק הנאה געטהאָן און דערפאַר איז ער געווען צו איהם צוגעלאָזט.

— נו, וואו זיינט איהר צו די סדרים? — האָט איהם הערמאַן פריינדליך געפרעגט.

אויך באַרים האָט פריינדליך איבערגעפרעגט:

— וואו זיינט איהר טאַקע צו די סדרים?

אַראַנאָוויטש, גערירהרט ווערענדיג פון דעם פריינדליכען נאָכפרעגען, האָט מיט אַ גוטען שמייכעל געענטפערט:

— וואו בין איך געווען צו כל נדרי? — אין גאַרטען...

— ניין! — האָט זיך הערמאַן אָפּגערופען — יום כפור איז עפּעס אַנדערש — יום כפור זיינען מיר אַלע אין גאַרטען, אָבער פּסח מאַכען מיר אַ סדר — מיר, אַ פינף יונגע לייט, איהר וועט זיין אַ זעקסטער...

— איך נעהם אָן די איינלאַדונג מיט פרייד! — האָט אַראַנאָוויטש זיך אָנגעכאַפּט — איך האָב דעם סדר אין דער היים זעהר ליעב געהאַט.

ער האָט זיך פערטראַכט, ווי ער וואָלט וועלען ארויסרופען אין זיין פאַרשטעלונג יענעם סדר פון דער היים... פאַרשטעלענדיג זיך דעם סדר מיט אַלע קליינינקייטען, האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכעל:

— וועט מען אויך זאָגען די הגדה?

— נאָך ווי זאָגען! — האָט הערמאַן אויסגערופען — פון „כהא לחמא“ ביז „חד גדיא“!

— אויב אַזוי קום איך צו אייך.

און אַראָנאָוויטש האָט זיך צושיידט מיט די צוויי בעקאַנטע, נעהמענדיג דעם אדרעס, וואו דער סדר וועט פאָרקומען...

דער סדר האָט שטאַטגעפונען ביי הערמאַנ'ען. ער איז געווען דער רייכסטער פון די פינף יונגע לייט. אויסער דעם האָט ער גע־האַט אַ לעקציע ביי אַ וויין־הענדלער און יענער האָט איהם גע־שענקט צוויי פלעשער וויין.

דאָס טישעל, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט גרויסע צייַ־טונגען, איז געווען פול אָנגעשטעלט: די צוויי פלעשער וויין מיט די אידישע בוכשטאַבען „יין לפסח“ האָבען פריינדליך און יום־טוב־דיג צוגעוואונקען, די דריי מצות איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טי־כעל האָבען געגעבען אַן עכטע אילוזיע פון אַ סדר.

אַז אַראָנאָוויטש איז אַריינגעקומען, זיינען שוין אַלע געזעסען אַרום דעם טישעל מיט די הגדות אין די הענד און האָבען פרעהליך געשמועסט.

ער האָט פערשעמט אויסגערופען:

— אַ גוט יום־טוב!

די יונגע לייט האָבען איהם אַלע ווי אין איין שטימע אָבגע־ענטפערט:

— אַ גוט־יאָהר! אַ גוט־יאָהר!

— זעצט זיך! האָט הערמאַן, אַלס בעל־הבית, זיך אויפגע־שטעלט און איהם מקבל פנים געווען.

אַראָנאָוויטש האָט בעטראַכט דעם טיש מיט די געסט און האָט גוטהערציג בעמערקט:

— אַן עכטער סדר!

— וואָס דען מיינט איהר! האָט באָרים אָבגעענטפערט, פאַר־געלד, זעהט איהר, קען מען אַלץ קריגען.

— אָבער נישט קיין מלכה! האָט הערמאַן געשמייכעלט.

— א מלכה פעהלט דאָ טאַקי! האָט איינער פון די איינגע־לאַדענע יונגע לייט, א בלאַסער יונגער מאַן מיט פרעהליכע שוואַר־צע אויגען, נאָכגעגעבען.

— יאָ, יאָ — א מלכה פעהלט דאָ — פינף מלכים און קיין איין מלכה ניט! האָט באַרים בעשטעטיגט.

און כאָטש דאָס איז אַלץ בעמערקט געוואָרען ווי אין שפּאַס, האָבען דאָך די אַלע בעמערקונגען וועגען א מלכה טרויעריג גע־שטימט די געסט, איבערהויפּט איז דאָס געווען קענטיג אויף אראָ־נאָוויטש'ען. זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט א מאָדנע בענק־שאַפט און זיינע ליפּען האָבען געציטערט אין די ווינקלען, ווי ער וואָלט וועלען עפּעס זאָגען...

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דער יונגער מיידעל, וואָס שפּאַ־ציערט ארום אַלע אבענד אין יענער גאַס, וואו ער וואָהנט. א קליי־נע אָרימע בעשעפענים. ער קען זי זייט אייניגע חדשים. ער האָט מיט איהר אַ פּאָר מאָל גערעדט, און כאָטש געגאַנגען מיט איהר אַהיים איז ער קיינמאָל ניט, פלעגט ער איהר שטענדיג זאָגען גוטען־אבענד, פערגעסענדיג ווער זי איז און מיט וואָס זי בעשעפטיגט זיך.

און פאָרשטעלענדיג זיך אין געדאַנק ווי אַזוי דאָס דאָזיגע איינ־זאַמע מיידעל דרעהט זיך ארום איינע אַליין אין דער וויסטער גאַס, האָט איהם ארומגענומען א ווילדער געפיהל פון רחמנות און אַ בע־געהר אַריינצונעהמען זיא אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט האָט איהם אין גאַנצען בעהערשט...

דער געדאַנק איז געווען צו וואַגענדיג און דאָך האָט ער, ווי מיט קענענדיג בעהערשען זיך אַליין, זיך געווענדעט:

— איך וואָלט, אויב איהר וואָלט ערלויבט, געבראַכט אהער־אַ מלכה אויך: אַ'ן אָרימע יונגע מיידעל.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען! — האָט הערמאַן אויסגעש־שריען!

— זי וועט אָבער אפשר פערלאַנגען בעצאָהלט...

— אַך, איהר מיינט פון יענע גאַסען־מלכות! האָט הערמאַן זיך ווי דערשראָקען — אָה, זי וועט קאַליע מאַכען אונזער סדר...

— ס'איז אָבער אַן איינפאַל! — האָט באַרים געלאַכט — איך וואָלט געוואָלט פאַר דעם! עס וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט!

— וועט זי אָבער געהן? האָבען די איבעריגע יונגע לייט אי־בערגעפרעגט.

— זייט מיר ניט חושד, אַז איך קען זי נאָהענט... איך האָב מיט איהר גערעדט אַ פּאָר מאָל אין גאַס. זי איז אַן אָרים אידיש מיידעל... זי איז אונזערע אַ שוועסטער... זי וועט געהן... אַזוי' דאַכט מיר.

— זאָל מען ברייגגען די מלכה אהער! — האָט הערמאַן בע־שליסענדיג אויסגערופען.

און, ניט וואַרטענדיג אויף דער הסכמה פון די איבעריגע, איז אראנאָוויטש ארויסגעלאָפען פון צימער און געלאָזען די געסט אין אַ זאָנדערבאַרער ערוואַרטונג...

געטראָפען האָט זי אראנאָוויטש אין ראָג גאַס, איינגעהילט אין אַ טוך, ווי זי וואָלט זיך געשעהמט צו ווייזען איהר פּנים פאַר דער פּסח'דיגער גאַס... דערזעהענדיג אראנאָוויטש'ען, האָט זי צו איהם אַ שמייכעל געטהאָן און מיט אַ געמאַכטער פרעכהייט זיך אָפּגערופען:

— קומט פּראַווען צו מיר דעם סדר...

דער צינישער אויסדרוק האָט אראנאָוויטש'ען אַ שניט געטהאָן אין הארץ. דאָך איז ער צוגעגאַנגען און זעהר ווייך געזאָגט:

— צו אייך, ווייסט איהר דאָך, געה איך ניט. אויב איהר ווילט זיך דערמאָנען אייער היים, וועלכע איהר האָט ערגעץ געווים, קומט מיט מיר. מיר, עטליכע יונגע לייט, פּראַווען דאָ אין דער צווייטער גאַס אַ סדר. מיר האָבען בעשלאָסען איינצולאַדען אייך ווי אַ שוועסטער צום סדר, אָבער נאָר ווי אַ שוועסטער, איהר פערשטעהט...

זי האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט, אָבער מיט צוטרוי און האָט געענטפערט:

— פאַר אַזוינע פערגעניגענס האָב איך קיין צייט ניט.

— מיר וועלען אייך בעצאָהלען! — האָט אראַנאָוויטש, שעהמענדיג זיך פאַר זיינע אייגענע ווערטער, קוים אַרויסגערעדט.

— אויב אַזוי, קומט! — האָט זי בעשליסענדיג געזאָגט און האָט איהם גענומען אונטער דער האַנד.

זיי זיינען געגאַנגען אַ ווײַלע שווייגענדיג, נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איהר וועט זיין אַ מלכה ביי אונז... איהר פערשטעהט.

— אַ מלכה... ווי קום איך צו אַ מלכה...

— איהר קומט! איהר קומט! איהר זיינט די שעהנסטע כלה, וואָס מיר קענען זיך פערגינען...

זי האָט גאָר נישט געענטפערט.

עפענענדיג די טהיר און אַריינגעהענדיג אין צימער האָט הערמאַן ווי איבעראַשט אויסגערופען:

— די מלכה איז דאָ! די מלכה איז דאָ!

די יונגע לייט האָבען זיך אויפגעשטעלט און איינער האָט זי בעגריסט.

— עס זאָל לעבען אונזער מלכה! האָך!

— הורראה! — האָבען די איבעריגע אויסגערופען מיט אמת'ער התלהבות.

אראַנאָוויטש איז געשטאַנען און טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, דערזעהענדיג פאַר דער ליכטיגקייט פון צימער די צוויי שעהנע שוואַרצע אויגען פון דער גאַסען־מיידעל, וועלכע איז געשטאַנען אין מיטען צימער אַ פערשעהמטע, אָבער, קענטיג, אַ צופריעדענע און אַ גליקליכע פון דעם לוסטיגען שפּיעל.

— ברידער! — האָט ער אויסגערופען בעגייסטערט — זעהט ווי שעהן אונזער מלכה איז!

— שעהן איז אונזער מלכה, ווי גאָלד! — האָט הערמאַן ווי אויסגעזונגען און די איבעריגע האָבען אונטערגעכאַפּט מיט בעגייסטערונג:

— זי איז ווירקליך אַ הערליך קינד!

די מיידעל איז געשטאַנען אין מיטען צימער און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. זי האָט גאָר קינדיש געשמייכעלט, און ניט נאָר די יונגע לייט, נאָר אויך זי האָט פאַרגעסען ווער זי איז: זי האָט זיך דערפיהלט ווי אַבגעוואַשען פון אַלע זינד!

רייזע איינדריקע.

I.

דער ליטעראַרישער פעטער.

„דער ליטעראַרישער פעטער“

אַזוי הייסט אין בערלין אַ אידעל ,הערר איקס, וועלכער וואוינט שוין דאָרט אַ יאָהר 15 — אַזוי בעריהמט ער זיך פאַר יעדען ניי־אָנגעקומענעם :

— שוין 15 יאָהר אַ בערלינער!

אויף איהם, נאַטירליך, קען מען קיין פעראיבעל ניט האָבען ווען ער שפּרעכט דייטש, 15 יאָהר פון ליטאַ קען מען די אידישע שפּראַך פערגעסען ; אויך אָבער דאַרף מען אויף איהם קיין פאַר־איבעל ניט האָבען וואָס זיין „דייטש“ איז ניט פון דער עכטער פּראָבע — צו געטהע׳ס דייטש קומט עס ניט. נאָר 15 יאָהר איז פאַר אַזאַ אידען ווי איקס אַ גענוג קורצע צייט אום אויסצולערנען זיך גוט דייטש.

דייטש איז אַ קאַפּריזנער לשון — אַזוי האָט נעבעך אונזער בערלינער איד גאָר קיין לשון ניט. נאָר זאָרגט זיך ניט — רעדען רעדט ער און דוקא אַ סך, און כאָטש זיין לשון איז ניט קיין אידי־שער און ניט קיין דייטשישער, דאָך פערשטעהן פערשטעהט איהם סיי אַ איד, סיי אַ דייטש, ווייל ערשטענס רעדט ער שטענדיג מיט

פתח'ן — זאגען, האבען, א. ד. ג. — וואס דאס איז פערשטענדליך סיי פאר א דייטש, סיי פאר א אידען, און צווייטענס איז ער א ביסעל מסביר מיט די הענד, מיט אלע גליעדער ווי אין פסוק שטעהט: כל עצמותי תאמרנה — ער רעדט מיט די ביינער, און ער איז ווירקליך א יונג מיט ביינער, פון דער פראפעסיע א זייגער־מאכער, האט ער שוין זייט צעהן יאהר די ארביים געווארפען און לעבט ספעציעל פון אנאנסען זאמלען פאר אידישע און פאר דייטשע צייטונגען. און אזוי ווי אנאנסען האבען צו טהאן מיט דער ליטע־ראטור, בפרט די לעצטע פאר יאהר, ווען דער איינציגער צייכען פון א גוטער צייטונג איז, אז זי האט א סך אנאנסען, איז דער דאזיגער איד, הערר איקס, אין גאנצען אויסגעמישט מיט דער ליטעראטור, נאטירליך, אלס איד הויפטזעכליך מיט דער אידישער, אבער אויך די דייטשע ליטעראטור איז פאר איהם ניט קיין פערשלאסענער גארטען. דער אנאנסען טהייל איז, ווי בעוואוסט, אינטערנאציאנאל, — אויב איהר האט אן ענגלישע אנאנסע פאר א אידישער צייטונג קענט איהר זיך אויך ווענדען צו דעם דאזיגען הערר איקס, און ער וועט אייך פערזארגען על צד היותר טוב.

רייבענדיג זיך ארום אנאנסען, איז ער, ווי געזאגט, אויסגעמישט מיט ליטעראטור און מיט ליטעראטען. קומענדיג אין בערלין, וועט איהר זיך פון איהם ניט אויסדרעהען אויב איהר זענט נאר א לי־טעראט מיט א נאמען, ווייל אלס אנאנסען־זאמלער, זוכט איקס נאר פירמעס, בעקאנטע פירמעס. זענט איהר א ליטעראט מיט א נאמען און קומט נאך בערלין, זאלט איהר קיין האטעל ניט נעה־מען, ס'איז אומזיסט אייער טרחה: איקס וועט אייך שוין אויפזו־כען און וועט אייך ניט לאזען שטעהן אין האטעל פאר קיין פאל.

— א אידישער ליטעראט — זאגט ער — איז ניט קיין מענ־דעלסאהן (ער מיינט נאטירליך דעם באנקיר מענדעלסאהן) — קומט אריבער צו מיר, „שלאפט" איהר ווי א פריץ פאר איין מארק און איהר זענט צווישען אייגענע מענשען.

און ווירקליך האָט דער איד אַ וואוילע קאַנאַפּע, אויף וועלכע — לויט ער בעריהמט זיך — זיינען שוין געשלאָפען די גרעסטע אידישע שריפטשטעלער. איבערהויפּט אָבער שטאָלצירט ער, וואָס אויף דער קאַנאַפּע איז שוין אויך געשלאָפען שלום־עליכם. — צוויי וואָכען איז ער דאָ געשלאָפען, לאָזט ער ענדליך אוים מיט גדלות, און אָט אויף דעם טיש — ווייזט ער — האָט ער אָנגעשריבען אַ פּאָר פיינע זאכען...

בייז איז ער נאָר אויף אש'ען, דער לעצטער וויל צו איהם אפילו ניט אריינשמעקען, דערפאַר אָבער איז ער זיך אין איהם נוקם און לייקענט אין זיין גאַנצען טאַלאַנט.

— מיט זיין „נאָט דער ראכע" — זאָגט ער — האָט ער בלאַ־מירט דעם כלל ישראל, און בכלל טויג עס אויפ'ן פייער...

און אויב איך וויל איהם אויפווייזען אז די מעשה איז ניט אזוי, ווייזט ער מיר די „אידישע גאַזעטען" פון נויאָרק, וועלכע ער בעקומט אַלע וואָך, וואו עס איז געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס — און איך מוז שווייגען...

אַ שטאַרקער חסיד איז ער פון פּראָפעסאָר „זעליקאָוויטש". — אזאַ שרייבער ווי ער — זאָגט ער — איז ניטאָ אפילו צווישען די דייטשען... „די אידישע גאַזעטען", וועלכע ער בעקומט שוין עט־ליכע יאָהר, זאַמעלט ער ניט — זיין צימער איז צו קליין דערצו, — אָבער זעליקאָוויטש'עס „שטיקלעך" שניידט ער אוים פון יעדער נומער, קלעפּט עס איין אין אַ בוך. קומט אַ ליטעראַט פון רוסלאַנד צו אפילו פון אַמעריקאַ, נעהמט ער ארוים און ווייזט, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— נאַ לערען זיך ביי גרעסערע...

אידישע שריפטשטעלער האָט ער אין הארצען ליעב, אָבער ער האָט צו זיי טענות: „אין דיני־ממנות זיינען מאַנכע נישט פּינקט־ליך„. אַ פּאָר פון זיי זיינען איהם געבליבען שולדיג צו פּאָר מאַרק.

— פּערפאַלען, — טרייסט ער זיך, — איז עס אפילו ניט,

אבער עס טאָר אזוי נים זיין. פּראָפּעסאָר זעליקאָוויטש וואָלט עס נים געטהאָן...

נאטירליך האָב איך פון איהם זיך אויך נים ארויסגעדרעהט. געטראָפען האָט ער מיך טאַקע אין קאַפען הויז מאַנאָפאָל, און דער־הערט, אז איך בין א אידישער שריפטשטעלער איז ער צוגעגאנגען, זיך מיר פאָרגעשטעלט און געזאָגט, אז נאָך שלום עליכם און פּראָ־פעסאָר זעליקאָוויטש בין איך דער דריטער, הייסט עס, וואָס גע־פעלט איהם און וועלכען ער לעזט מיט „גראָסער הנאה" (לשונו ממש). פון איין זייט האָט מיר געפרעהט, וואָס אויך אין בערלין האָב איך א חסיד, אָבער פון דער אנדער זייט בין איך געווען איי־פערזיכטיג צו שלום־עליכם און צו פּראָפעסאָר זעליקאָוויטש. וואָס מאכט מען אָבער? „מיט גוואלד וועסטו ליעב נים זיין". פערפאַלען! דערהערט, אז איך בין שוין דעם צווייטען טאָג אין בערלין און שטעה אין א האָטעל, איז ער א פארציטערטער געבליבען.

— וואָס הייסט עס? — האָט ער מיר געמוסרט גאנץ פאמי־ליאריש — זענט איהר עפּעס א מענדעלסזאָהן, צו ווער? קומט אריבער צו מיר וועט איך קאָסטען ביליגער און איהר וועט זיין צווישען אייגענע מענשען...

און דעם אמת געזאָגט, האָב איך די פּאָר נעכט ביי דעם דאָ־זיגען בערלינער ליטוואק זיך געפיהלט גאנץ נישקשה'דיג, ווען נים זיין אידישער לשון מיט די דייטשישע אָדער ארץ־ישראל'דיגע פתח'ן, וואָלט ער אפילו מיר גאנץ אנגענעהם געווען, פאָרט אָן אייגענער מענש, אויף וועמעס קאַנאַפּע עס זיינען שוין געלעגען ווירקליך א סך אידישע שרייבער, אויסער דעם פערמאָגט ער אַלע אידישע טעגליכע צייטונגען פון וועלכען יאָהר איהר ווילט, א שאד נאָר וואָס מען קען זיך צו זיי נים צושטעקען. איך מיין נים דעם שטויב, נאָר פּשוט ער לאָזט נים צו!

— זיא ווערדען מיר צומישען די נומערען, בין איך אונגליק־

ליך! הויבט ער אָן צו ווארנען, אז מען געהט נאָר צו די פּאָליצעס, וואו די צייטונגען זיינען אויסגעלעגט.

און ער ערקלערט מיר, אז די נומערען מוז ער היטען צוליעב אַלטע חשבונות, וואָס ער האָט מיט יעדער רעדאקציע פאר אַנאָנסען.

ווירקליך א שאָד! וועֶר וויים וואָס פאר אַנטיקלעך איך וואָלט צווישען די אַלטע נומערען געפונען — דארף ער גאָר האָבען חשבונות מיט די רעדאַקציעס. נאָר צוריק נעשמועסט, ווער האָט דען ניט מיט זיי קיין חשבונות. עס וועט קומען א צייט, וועט מען זיך שוין אַמאָל אויסחשבונ'ען...

פאר מיין אוועקפאָהר פון בערלין האָב איך דעם ליטעראַרי־שען פעטער אויסגעדריקט מיין צופרידענהייט סיי פון דער קאַנאַפּע סיי פון איהם אַליין, און האָב איהם צוגעזאָגט שרייבען וועגען איהם אַן ארטיקעל.

ער האָט פאר גליק אין גאַנצען געשיינט, האָט מיך מיט א כלה'דיגער שעמעוודיגקייט געפרעגט: וואו וועל איך עס דרוקען.

אין „פאָרווערטס" ! האָב איך ניט אָהן שטאָלץ געענטפערט.

— פאר וואָס נים אין די „אידישע גאַזעטען" — שטעהט אייך ניט אָן צו זיין אין שכנות מיט זעליקאָוויטש'ען? מיט פּראָפעסאָר זעליקאָוויטש'ען!

— אדרבא... האָב איך איהם בערוהיגט, נאָר פערשטעהט איהר מיך, איך בין א שטיקעל מיטאַרבייטער פון „פאָרוועֶרטס". שוין אַן אוואַנס, פערשטעהט איהר מיך, גענומען...

— אויב אוואַנס איז עפּעס אַנדערס. איז ער מרוצה געוואָרען.
— זאָגען זי מיר אבער, געהט דער „פאָרווערטס" גוט?

— 72,072! האָב איך מיט אמת'ען שטאָלץ אויסגעוואָרפען.

— אוי ווען! האָט ער עכט אידיש אויסגעשריען, פערגעסענ־

דיג זיין גאַנצעם דייטש — ס'איז דאָך עפּעס גאָר א מיליאָנערסקע־
צייטונג... וועט איהר מיר כאָטש שיקען אַן אויסגעשניטענעם שטי־
קעל פון דעם אַרטיקעל וועגען מיר? שיקט, איך בעט אייך, האָט
ער זיך געבעטן.

— נאַטירליך! — האָב איך איהם פערזיכערט; — זאָגאָר
דעם גאַנצען נומער, איך האָף אז דער „פאָרווערטס" וועט דרוקען
די דאָזיגע אויפלאַגע מיט א נומער מעהר...

רייזע איינדריקע.

II.

די וועטשערינקע.

(א פאריזשער בריעף).

ביי דער קאסע נעבען טהיר איז געזעסען אן עלטערע מיידעל מיט שפורען פון אמאליגער שעהנקייט, מיט גרויסע שווארצע אידישע אויגען, און האט פערקויפט בילעטען, דאס מעהרסטע טהייל צו האלבען פראנק. די קליינע צאהל טהייערע בילעטען האט זי נאר פארגעלעגט די בורזשואזנע געסט, וואס זיינען, איבריגענס, אויך געווען אלטע גענאסען. נאר ביי איין גאסט, וואס איז געווען אן אמת'ער בורזשוי און איז געווען, א דאנק זיין יונג שעהן ווייבעל, ספּציאליסטיש געשטימט, האט די בילעטען־פערקויפערין גענומען א גאנצען צעהן פראנק־שטיק. זי האט עס גלייך פערצעהלט מיט שמחה דעם שעהנעם בונדיסט סערגיי, וועלכער איז געשטאנען ביים טהיר און אבגענומען די בילעטען:

— צעהן פראנק אויסגעריסען! — האבען איהרע אויגען גע־שטראהלט און די קנייטשען פון פערעלטערטען געזיכט זיינען ווי אונדייטליכער געווארען.

— א מצוה! — האט דער בונדיסט געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז, מיט א אידיש ווערטעל, און האט אויף דעם חשבון דורכגע־לאזט 5 ארימע עמיגראנטען אהן בילעטען.

דער זאאל האט ביסלעכ־וויז אנגעהויבען פול צו ווערען, נאר דיא גוטע שטימונג, צוליעב וועלכער דער עולם איז געקומען, האט זיך נאך ניט בעוויזען. דער עולם האט זיך ארומגעדרעהט אהן א שטאך ארבייט הין און צוריק, געכאפט אווארט איינער מיט דעם אנדערן און יעדערער האט געזוכט עפּעס אינטערעסאנטעס, שאר־פעס, אונגעוועהנליכעס.

דאס איינציגע אינטערעסאנטע איז געווען אין א זייט דער בור־

פעט, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען אויף טאצען פערשיעדענע בוטער־בראדען, הערינג און אפילו פיש. אינטערעסאנטער נאך זיינען געווען די פלעשער מיט שנאפס און וויין, וואס זיינען גע־שטאנען אויפ'ן בופעט, ארומגערינגעלט פון א רייהע קעלישקעס און גלעזלעך.

צום דאזיגען בופעט פלעגט יעדער צוגעהן און ווארפען א בליק פון דער ווייטען און צוריק אוועקגעהן אן א זייט, ווי פון א פלאץ, צו וועלכען מען טאר ניט צו נאהענט צוגעהן...

דאס פריילין, וואס איז געזעסען ביי'ן בופעט, אן אלטע בונ־דיסטין, וואס איז אקארשט געקומען פון וואלאגדע, האט אויסגע־זעהן טרויעריג און עלענד און האט דערמאהנט א קליין־שטעדטעל־דיגע אידישע קרעמערין, וואס ווארט אויף קונים.

ענדליך איז צום בופעט צוגעגאנגען א פארעל, א יונגערמאן מיט רוסישע געזיכטס־ציגע, מיט לאנגע בלאנדע האר, געקליידעט אין אן ארימען אבגעטראגענעם אנצוג, מיט א אידיש מיידעל פון א יאהר פינף און צוואנציג, אין ברילען. ער האט געבעטען געבען צוויי שנאפסען און ווענדענדיג זיך צו דער מיידעל, האט ער מיט זיין רוסישען באסען־שטימע ארויסגעברומט:

— מיר וועלען טרינקען פאר דער צוקונפט פון רוסלאנד.

דאס פריילין אין ברילען איז ווי פערשעהמט געווארען, איהר געזיכט האט זיך געראיטעלט, וואס עס האט איהר ניט בעזאנדערס שעהנעם געזיכט צוגעגעבען א געוויסען חן, און זי האט שוואך גע־ענטפערט, נעהמענדיג דעם כוס אין האנד:

— פאר דער צוקונפט און וואהל פון די אלע צובראכענע לע־בענס, וואס געפינען זיך דא.

דאס מיידעל ביין בופעט האט ווי א ציטער געטהאן און האט פון זיך צוגעגעבען:

— אייער וואונש, חבר'טע, איז אונערפיללבאר...

דער רוסישער יונגער מאן האט דערויף ניט איינגעשטימט:

— איהר האט א טעות, גענאסין, דאס לעבען איז נאך פאר־אויס...

און אָננעהמענדיג זיין פריילין, דאס אידיש קינד, אונטער׳ן אָרעם, איז ער מיט איהר אוועק אין אַ צווייטער זייט.

דאָס מיידעל ביי׳ן בופעט האָט ווי בגנבה ארויסגענומען אַ קליין שפּיעגעלע פון רידיקול (פּאקעט־בוך), וואָס זי האָט געהאלטען נעבען זיך, זיך שנעל איינגעקוקט, איבערגעזעצט דעם קאם פון קאָפּ אביסעל נידריגער און האָט, אריינלעגענדיג צוריק דאס שפּיעגעלע אין רידיקול, טיעף אָבגעזיפצט...

שפּעטער אַ ווײַלע האָבען זיך ביי׳ם בופעט בעוויזען מעהר געסט. דאָס מיידעל איז פרעהליכער געוואָרען: דער פּראָפּיט געהט פאר די פערשיקטע חברים און ווער ווי זי ווייס נאָך אזוי גוט ווי גרויס איז דאָרט דער עלענד! זי איז ביסלעכווייז אריין אין דער ראָל פון אַ פערקויפערין, און ווען אַ רייכערער גאַסט פלעגט צוגעהן עפּעס נעהמען פון בופעט און פרעגען אַ פּרייז, פלעגט זי מיט אַ חבר׳שען שמייכעל ענטפערען:

— פאַר אונזערע חברים אין סיביר איז קיין פּרייז ניט צו פיעל!

אין די דאָזיגע מינוטען איז זי הערליך געוועזען!

דער עולם איז געוואָרען וואָס ווייטער געדיכטער, דער גע־רויש — פרעהליכער און אינטימער, נאָר די נשמה פון דער וועט־שערינקע האָט נאָך אַלץ געפעהלט.

שולדיג דעריין איז געוועזען אַן אַלטער געגאָסע, וועלכער האָט געזאָלט האַלטען די פעסט־רעדע און איז ניט געקומען.

פאר וואָס איז ער ניט געקומען? — פיעלע האָבען בעהויפּ־טעט, אַז ער איז עפּעס קראנק געוואָרען, נאָר דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געוועזען, אַז פרעהליכעס האָט ער ניט געהאַט וואָס צו זאָגען און וועקען די וואונדען האָט ער ניט געוואָלט.

— זאָל געגאָסע ב. האַלטען די פעסט־רעדע! האָט מען פאָרגעשלאָגען.

נאָר געגאָסע ב., איינער פון די אַמאָליגע פיהרער פון דער „בעוועגונג" איז יעצט געזעסען אָן אַ זייט ביי אַ קליין טישעל און האָט פערבראַכט מיט אַן אַלטען עמיגראַנט.

הערענדיג די פאַדערונג פון עולם, האָט ער זיך געווענדעט צום אַלטען שכן:

— היינט וועט זיי ניט געלינגען!

— פאַר וואָס? — זאָגט עפּעס — האָט דער אַלטער געבעטען — עס וועט ווערען אַ שטיקעל שטימונג.

— אָ, גיכער וועל איך זיי קאַליע מאַכען די שטימונג, — האָט דער אַמאָליגער פיהרער מיט אַ ביטערען שמייכעל געענטפערט — זאָלען זיי נעהמען צו ביסלעך שנאַפּס וועט בעסער ווירקען ווי מיין רעדע...

דער אַלטער האָט געשוויגען.

באַלד האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף: חברים, זאָל מען עפּעס זינגען.

— זינגען, זינגען! האָבען פיעלע אונטערגעחאַפּט.

און באַלד האָט זיך געגענאיבער דעם בופעט געבילדעט אַ רעדעל און אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג האָט אויסגערופען:

— די שבועה!

— די שבועה, די שבועה! האָבען אַלע מסכים געווען, אפילו די עטליכע רוסען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען.

און גלייך האָט אַ דונער געטהאָן אַ כאָר פון צעהנדליגע שטימען דאָס ליעד, וואו מען גיט זיך אַלע אַ הייסע שבועה צו קעמפפען... די איינפאַכע, אָבער שטאַרקע, אויפמונטערנדע ווערטער, דער האַלב־מינאָרנער ניגון, האָט אַלעמען ווי עלעקטריזירט.

אַלע געסט, ניט אויסגעשלאָסען די עטליכע סטודענטישע פערליעבטע פּאָרלעך, וואָס זיינען געקומען אָהער מעהר צוליעב גענוס, אַלס צוליעב דער „אידעע", זיינען אויך היינגעריסען געוואָרען און גלייך מיט די איבעריגע מיטגעזונגען.

נאָך'ן זינגען איז די שטימונג גלייך געוואָרען געהויבען. דאָס מיידעל ביי'ן בופעט האָט אָנגעגאָסען אַ גלעזעל בראַנפען, בעצאָהלט מיט איהרע לעצטע עטליכע סו און האָט הויך אויסגעשריען:

— פאַר דעם געזונד פון אונזערע פערשיקטע חברים!

אַ „הורראה" האָט פערהילכט דעם זאַאל.

דער שעהנער בונדיסט, וואָס איז געשטאַנער ביים טהיר און אָפּגענומען די בילעטען, האָט פערלאָזט זיין אָרט, טראַכטענדיג, וואהרשיינליך, זאָל אריינגעהן ווער עס וויל, און צוגעהענדיג צום בופעט האָט ער געפאָדערט מיט א פרעהליכען טאָן:

— שאמפּאַניער!

דאס בופעט־מיידעל האָט זיך פונאנדערגעלאכט מיט א פרעה־ליכען געלעכטער. עס איז געווען קענטיג, אז זי האָט שוין לאַנג, לאַנג אזוי ניט געלאכט, ווייל טרעהרען זיינען איהר באַלד געקומען אין די אויגען, און זי איז קוים אים שטאַנד געווען אויסצורעדען:

— שאמפּאַניער טאָר מען ניט — אונזערע חברים אין סיביר...

— איך וויל נישט הערען — האָט דער שעהנער בונדיסט אי־בערגעהאקט — די שבועה האָט איהר געהערט, ווי איך... פרעהליך לאָמיר זיין!

און גליך בערוהיגענדיג זיך, האָט ער גענומען א פלאַש וויין און אויסגערופען הויך:

— מי בונדיסט, אלי!

— וואָס, וואָס? — האָבען די וואָס האָבען ניט פערשטאַנען די בעדייטונג פון דער פראַזע, איבערגעפרעגט.

— דאָס איז טייטש — האָט ער זיך געוויצעלט — ווער עס איז א בונדיסט — אהער...

— מיר זיינען אלע בונדיסטען! — האָבען זיך געהערט פיעלע שטימען און א גאַנצע מענגע האָט זיך א לאָז געטהאָן צום טישעל.

— עס זאָל לעבען דער בונד! — האָט דער שעהנער בונ־דיסט אויסגעקנאַקט.

און ווייטער האָט א הוראה פערהילכט דעם זאאַל.

— איצט וועט עס ערשט פרעהליך ווערען! — האָט דאָס מיידעל פון בופעט געשטראַהלט פאַר אמת'ער פרייד.

— אז דער „בונד“ איז דאָ מוז זיין פרעהליך! האָט דער־שעהנער בונדיסט, האָבענדיג שוין אויסגעטרונקען א גלאָז רויטען וויין — פעסט געזאָגט און זיינע שווארצע אויגען האָבען איהם גע־גלאַנצט.

די איבעריגע געסט, נישט בונדיסטען, האבען זיך די ערשטע מינוטען געפיהלט ווי אונבעקוועם, נאר נישט וועלענדיג צושטערען די אלגעמיינע הארמאניע, וואס קומט אן אזוי זעלטען צו שאפען אין דאס רוב פערזאמלונגען, האבען זיי זיך צוזאמענגעגאסען אין איין פרייד, און איין רוס, א פייערדיגער „עס דעק" האט זאגאר, אויסטרינקענדיג א גלאז וויין, זיך אנגערופען אויף א הויכער שטים, אין רוסיש, נאטירליך:

— חברים, איך בין אויך א בונדיסט!...

דער עולם האט זיך צולאכט און דאס מיידעל ביים בופעט האט עס אנגענומען פאר גוט־געלד און ערנסט, כאטש גענוג פרעה־ליך האט זי אבגעענטפערט:

— נו, וואס איז? מיין ערשטער לעהרער, א רוס, איז געווען א פייערדיגער בונדיסט און זיין כלה — א אידיש מיידעל, פלעגט מיט איהם שטענדיג דיסקוטירען. זי איז געווען א פייערדיגע „איס־קראווקע".

דער עולם האט זיך ווידער צולאכט, נאר באלד האט מען אנגעהויבען אויף דאס נייע די שבועה צו זינגען און די „וועטשע־רינקע" האט זיך אנגעהויבען...

רייזע איינדריקע.

III.

א גרויסער מענש.

אויסריכטענדיג מיך אין וועג אריין, קיין לאנדאָן, האָבען מיינע פּאַריזער פריינד, פון וועלכע אַ טהייל האָבען לאָנדאָן געקענט, מיך שטאַרק געוואָרענט פון ווהייטשעפּעל.

— ווי גאָט איז אייך ליעב, פאַרפאָהרט נור נישט אין אַ האָטעל אין ווהייטשעפּעל.

פון ווהייטשעפּעל האָב איך נאָך אין דער היים, אין רוסלאַנד, געהערט און אָבדאַנקענדיג מיינע פּאַריזער פריינד פאַר זייער אויפמערקזאַמקייט צו מיר, בין איך, אָנקומענדיג קיין לאנדאָן, גלייך פערפאָהרען אין אַ באָרדינג־הויז און דוקא אויף ווהייטשעפּעל.

איך האָב שוין אַזאַ טבע: ניט צו פאָלגען קיין עצות פון פריינד. איך הער שטענדיג אויס וואָס מיינע פריינד זאָגען מיר, מאַך אַ מינע פון דער העכסטער אויפמערקזאַמקייט, דאַנק זעהר פיעל מאָל פאַר זייער פריינדשאַפט און טהאָן טהו גראָד ווי דער בעסטער פריינד מיינער הייסט מיר, און ווער איז מיר אַזאַ פריינד, ווי איך אליין ? ווי היינע זאָגט.

אָנגעקומען בין איך אין לאנדאָן דוקא אין אַ שעהנעם העלען זונען־טאָג. און דאָ האָב איך מיך דערמאָהנט אבן עזרא'ס טייערע ווערטער: ווען איך זאָל האַנדלען מיט תכריכים וואָלט קיינער ניט געשטאָרבען; און ווען איך קום אין לאנדאָן, אין דער שטאָדט פון נעבעל און רעגען איז דוקא אַ שעהנער טאָג און איך בלייב פערחדוש'ט און וויל שיער ניט פרעגען ביי מענשען, צו האָב איך ניט פערבלאָנדזשעט. צי איז דאָס אמאָל ניט לאָנדאָן ?

וואָרים נישט איין מאָל האָב איך שוין אין מיין לעבען געבלאָנדזשעט.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס מאָל האָב איך טאַקי געטראָפען דעם ריכטיגען וועג: איך בין געקומען אין לאָנדאָן, און פערבלאָנדזשעט האָט עס נאָר די זון.

און איך האָב זי העכסט בעדויערט. ווייל פאַר דער זון איז

לאָנדאָן ווירקליך קיין אָרט נים. אין אַ סך גאַסען האָט זי דאָרט אפילו ניט וואו איהרע שטראַהלען אהין צו טהאָן. אזוי שמאָל זיינען לאָנדאָנער גאַסען, אזוי שוואַרץ זיינען איהרע בילדינגס און באַנק־הייזער.

קיין סך אָבער האָט די זון דאָרט ניט געבלאָנדזשעט. איך בין געקומען אַ זייגער צוויי און פיער האָט זיך שוין די זון אָבגעטראָגען, אודאי פערדייזט אין דעם שעהנעם פרעהליכען פאַריז, וואו זי פּאַסט זיך אזוי פאר די ליעבע פּאַריזער שמייכלענדיגע בירגער און איבערהויפּט פאַר די ליעבע בירגערינס...

און לאָנדאָן האָט איינגעהילט אַ דיקער שלייער.

— אָט דאָס הייסט עס איז אַ פאָגע! האָב איך געפרעגט מיין נייעם פריינד, וואָס האָט מיך געפיהרט ווייזען לאָנדאָן.

דער פריינד האָט געשמייכעלט אויף מיין גרינקייט און האָט גוטמוטהיג געענטפערט:

— דאָס איז דאָס געוועהנליכע טעגליכע וועטער פון לאָנדאָן. אַ פאָגע, ברודער, וועט איהר געהן און ניט זעהן ווי אזוי איהר געהט, אין אַ פאָגע מוז מען זיך פעסט האַלטען איינע אָן די אנדערע און טאַפּען דעם וועג.

און איך האָב בשעת מעשה געטראַכט — יא, יא, ביי אייך אין לאָנדאָן לעבט מען טאַקי אין גרויס חשך...

די באָרדינג הויז אויף ווהייטשעפּעל, וואו איך בין פערפאַהרען, האָט געהערט צו מיסעס, לאָמיר זי רופען, איקס, ווייל קיין סך גוטס וועגען איהר, ווי וועניג איך פאָדער נישט פון מענשען, האָב איך נישט צו זאָגען, דאָך וויל איך ניט שאַדען איהרע ביזנעס און וויל נישט ענטדעקען איהר אמת'ן נאָמען. חאָטש פון דער צווייטער זייט וואָלט איך געקענט טהון אַ טובה פיעל וואַנדערער, וואָס וועט אויסקומען צו פערפאָהרען צו איהר, נאָר מיט דעם דאָזיגען ארטיקעל בין איך ניט אויסען קיינע מענשען־פריינדליכע צוועקען. איך וויל מיך פשוט טהיילען מיט מיינע איינדריקע, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין מיין אָרימען הארץ, זייענדיג אין לאָנדאָן און פאַר

דעם וואויל פון אונזערע וואנדערער וועלען שוין וואהרשיינליך זארגען די עמיגראציאנס־געזעלשאפטען וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט אזוי פיעל געגרינדעט געווארען ביי אונז...

מיסעס איקס איז א אידישע פרוי אין פולען זין פון ווארט: רעדט פליין מאמע לשון און טראגט א שייטעל. דער שייטעל איז שוין דוקא ניט פליין. ער ליעגט איהר אויפ'ן קאפ ווי א בארג. עס ווייזט אבער אויס, אז דער דאזיגער בארג איז איהר ניט שווער. דער קאפ איז איהר שטענדיג לייכט און קלאר און איבערהויפט ביי א חשבון מיט א בארדער וועט זי קיינמאל ניט מאכען קיין טעות. לויט איך האב בעמערקט געדענקט זי ניט נאר די צאהל פון די גלעזער טהיי וואס יעדער בארדער טרינקט ביי איהר, נאר אפילו די צאהל פון די שטיקלעך צוקער.

ביי מיסעס איקס איז דער פרייז פאר א צימער נישט טייער. צום אונגליק האט די מיסעס אבער א שוואכהייט, זי וויל ניט אז איהרע געסט זאלען ערגעץ אנדערש עסען: צו וואס זאל מען זיך ערגיץ אנדערש פערדארבען דעם מאגען? און אט ווען מיסעס איקס מאכט א חשבון פאר'ן „רום" מיט'ן עסען צוזאמען, פאהרט שוין אריין דער חשבון אין פונטען, און א פונט איז א גרויסע מטבע: די ענגלענדער זיינען א רייך פאלק און פון ניקעלס און קווארטערס ווייסען זיי ניט, איבערהויפט ווייס דערפון ניט מיסעס איקס: זי האט שטארק ליעב פונטען...

א מעלה האט אבער מיסעס איקס, וואס איהרע בארדערס, סיי די שטענדיגע, סיי די געסט אויף עטליכע טעג, לאזט זי זיך נישט לאנגווייליען. זי האט פאר זיי פעק מעשיות, און דעם אמת געזאגט, זעהר אינטערעסאנטע. מיסעס איקס האט צום גליק פון די באר־דערס געהאט א מאל א מאן און חאטש דער מאן איז שוין פינפצעהן יאהר טויט, לעבען נאך זיינע מעשים טובים אין דער אלמנה'ס מויל, און אט מיט די מעשים טובים פון איהר מאן אמוזירט זי איהרע בארדערס, איבערהויפט ווען די לעצטע זיצען ביים טיש און עסען. א פנים, אז מיסעס איקס וויים פון דער נייעסטער טעאריע פון דער היגיענע, אז ביים עסען דארף מען זיך פיהלען אין א גוטער

לויהנע. און מיסעס איקס איז עס טאקי אין שטאנד צו שאפען מיט איהרע העכסט פיקאנטע עפיזאדען פון איהר מאנ'ס לעבען, אי־בערהויפט ביי יענער שטעל, וואו עס ווערט דערצעהלט ,אז ער, עליו השלום, האט זעהר ווענינ געגעסען...

מיך האט מיסעס איקס בעהאנדעלט נאך פריינדליכער ווי די איבעריגע. זי האט געהאט בדעה, אז איך זאל דערמאהנען איהר בארדינג הויז ערגיץ אין א צייטונג. זי האט עס מיר דייטליך געגעבען אנ'אנצוהערעניש.

אדוועטייזען איז א שאד דאס געלד — אבער דערמאנען אזוי ערגיץ איהר בארדינג הויז מיט די גרויסע בעקוועמליכקייטען, וואס דארטען געפינט זיך — וואלט זעהר, זעהר כדאי געווען — זאל די וועלט וויסען. און איך בין ניט קיין שלעכטער מענש און טהו עס איהר צוליעב. בפרט, אז זי האט עס ווירקליך פערדיענט.

די לעצטע פאר טעג איז זי א פערסאפעטע אריין אין מיין „רום" און מיר זעהר העפליך געמאלדען, אז דעם רום מוז זי איצט נויטיג האבען און מיר וועט זי געבען אן אנדער רום, אויבען. (זי האט גאט צו דאנקען רומס גענוג!)

— זי וואלט מיך נישט בעמיהט, — האט זי מיך פערזיכערט, נאר עס איז געקומען צו איהר צופאהרען איהרער אן אלטער בעקאנ־טער: זעהר א גרויסער מענש!

דערהערט זעהר א גרויסער מענש, האב איך זיך דערפרעהט, איך האט בטבע ליעב גרויסע מענשען און איך האב געפרעגט אויף זיין נאמען: א קשיא אויף א מעשה — אפשר א בעקאנטער.

וויזט זיך ארויס, אז איך קען איהם ניט. ער אליין איז ניט פון מיין פאך, ער האנדעלט גאר מיט וואלד.

— ער האט אין דעם יאהר פערדיענט אויף זיין חלק — האט זי א צוהיצטע געענדיגט — פינף טויזענד פונט! זעהר א גרויסער מענש!

איך בין געבליעבען א פערציטערטער און האב איהם גלייך אבגעטראטען מיין צימער...

אַמעריקאַ.

I.

צוויי מיידלעך אין קאונטרי.

דאָס זיינען געווען צוויי ברונעטקעס מיט אידישע אויגען, אידישע נעזלעך און אידישע בעוועגונגען. איינע, נעלי, אַלט אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג; די אַנדערע, איידע, עטוואָס אינגער. אין באָרדינג הויז, אויף דער פּאַרם, זיינען זיי ביין טיש געזעסען שטענדיג צוזאַמען. רעכטס, נעבען נעלי'ן, איז געזעסען מר. קאָהן; לינקס, נעבען איידע'ן — מר. קווין, מיט וועלכע זיי פּלעגען אין צייט פון עסען פּלירטעווען אויפ'ן „אַמעריקאַנישען שטייגער": קוויטשען, לאַכען און פּאַטשען זיך איבער די הענטלעך.

איך בין געזעסען קעגען־איבער, — אַזוי האָט מיר די ווירט־הין בעשטימט. איך רעד עס בפירוש אויס, כדי מען זאָל מיך נישט חושד זיין, אַז איך האָב דאָס אַליין געוואָלט... פּערקעהרט, די דאָ־זיגע צוויי מיידלאַך האָב איך שטאַרק נישט „געגליכען". צופיעל האָבען זיי מיר פּערלעצט מיינע עסטעטישע און נאַציאָנאַלע גע־פיהלען. ערשטענס האָב איך שטאַרק פיינט געהאַט זייערע גרויסע „פּאָווס" אויף די קליינע קעפּלעך, געמאַכט פון ביליגע האָר, וועלכע האָבען מיר דערמאָנט די האָר פון פּערדישע עקען, פון וועלכע איך האָב איינגעלוויז געמאַכט סטרונעס אויף הילצערנע פידעלעך. צוויי־טענס — זייער שטענדיג ענגליש רעדען, ניט וועלענדיג נעמען קיין

אידיש ווארט אין מויל, באטש ווי איך האב געוואוסט פון א ריכ־טיגער קוועלע, האבען זיי געשטאמט פון אידיש־שפרעכענדע על־טערן אויף מעדיסאן סטריט.

און דריטענס — און דאס איז די הויפט־זאך — האב איך זיי ניט געגליכען דערפאר, וואס זיי האבען מיך ניט „געגליכען". און ניט „געגליכען" האבען זיי מיך פאר מיין גרינקייט, לויט זייער בעגריעף.

גרין בין איך ביי זיי געווען דערפאר, ווייל איך האב שטענדיג גערעדט אידיש, ניט אויסגעטהאן דעם ראק, ווי מר. קאהען און מר. קווין, און ניט געשפיעלט אין באל נאכ'ן עסען. די דריי זינד האבען זיי מיר נישט געקענט מוחל זיין. נאר נאך מעהר האב איך מיך צום סוף פערזינדיגט דערמיט, וואס איך האב ארויסגעזאגט א זעהר ווילדע מיינונג, נעמליך: אז אין אייראפא איז מען ציוויליזירטער ווי אין אמעריקא.

דערהערט פון מיר די דאזינע מיינונג אין אידיש, און גוט פער־שטעהענדיג עס, האבען זיי זיך דאך געוואונדעט, איינע צו מר. קא־העו, די צווייטע צו מר. קווין, יעדער זאל זיי ערקלעהרען וואס זאג איך.

— ער זאגט, — האט מר. קאהען פון דער רעכטער זייט אי־בערגעבען זיין „ליידי", — ער זאגט, אז די אמעריקאנער דארפען זיך לערנען ביי די אייראפעער.

— ער זאגט, — האט מר. קווין פון דער לינקער זייט אי־בערגעזעצט פאר זיין „ליידי" — אז די אייראפעער זיינען עדעלער פאר די אמעריקאנער.

א געלעכטער האט פערטויבט אלע געסט, וואס זיינען געזעסען ביים טיש.

— אויב אזוי, — בין איך בייז געווארען, — וועל איך אייך נאך מעהר זאגען, — איך האב זיך אויפגעפלאמט און האב באלד ארויסגעשאסען:

— ווארים א בעוויז האָט איהר, אז די רייכע אמעריקאַנער פאָהרען זיך לערנען איידעלע מאַניערען אין יוראָפּ — צו אונז!..

מר. קאָהען און מר. קווין האָבען עס ווידער פּערטייטשט פּאָר די צוויי „גוירלס“ פון רעכטס און לינקס, און מיין מפלה איז שוין פּאָלקאָם געוואָרען: אַנשטאָט צו לאַכען, זיינען זייערע אויגען אָנגעפּיהלט געוואָרען מיט האס און איינע האָט צו דער אנדערער געשיפּעט:

— א גרין־האָרן! רעד מיט איהם ניט!

און פון דאַן אָן האָבען זיי שוין אויפגעהערט צו קוקען אין מיין זייט, ווי זיי וואָלטען מיך אין גאַנצען איגנאָרירט.

נאָכ׳ן עסען, ווי געזאָגט, פּלעגען די דאָזיגע צוויי מיידלעך שפּיעלען אין באָל, זינגען ניגער־לידלעך און טאַנצען די אמעריקאַנער טענץ, ארויסוואָרפענדיג איין פוס אין מזרח זייט, די אנדערע אין מעריב זייט. אַן עקעל פלעגט מיך אָנכאַפּען צוקוקענדיג עס און מיין האס צו זיי איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג.

אין צוויי וואָכען ארום נאָך מיין אָנקומען אהער, האָב איך בעמערקט, אז די צוויי מיידלעך ווערען פון טאָג צו טאָג טרויעריגער און ערנסטער. דער האס אין זייערע אויגען צו מיר איז אין גאַנצען פערשוואונדען, און עס האָט פּאַסירט אז אמאָל איינע, אמאָל די אנדערע האָט זיך צו מיר געווענדעט, זיצענדיג ביי דינער ביי׳ן טיש, איך זאָל איהר דערלאַנגען דעם קרוג וואסער.

— פּליעז, גיוו מי דהי וואָדער!

איך בין מיך מודה, אז איך האָב עס געהאַלטען פאַר א שטיקעל זכיה: אמעריקאַנער מיידלאך איז פּאָווס ווענדען זיך צו מיר אין ענגליש. און וועלענדיג ווייזען אז איך בין א דזשענטלמען, האָב איך שנעל ערפילט די ביטע.

נאָך דינער האָבען זיי שוין אין באָל זיך ניט געשפּיעלט. טרויעריג זיינען זיי געזעסען אויף דער וועראַנדע, צוגעטוליעט איינע צו דער אנדערער, און האָבען עפּעס ערנסט געשמועסט.

איך האָב מיך געזעצט נישט ווייט פון זיי און זיי בעטראַכט.

— וואָס איז מיט זיי פּלוצים געשעהן? — וואו איז אהינגע־קומען זייער פרעהליכקייט?

איך האָב מיט אנטייל זיי אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט גע־פרעגט דערמיט די אורזאַכע.

ענדליך האָב איך, צו מיין גרויס איבערראַשונג, דערהערט ווי איינע פון די צוויי רופט זיך אָן צו מיר אין א געבראָכען אידיש:

— אין ניו יאָרק הייגט זעהר היים.

— אָ, יא, יא! היים, אין פּייפּער שרייבט מען, אז נעכטען האָט די היץ געהאַלטען הונדערט אין שאָטען.

— דו הערסט, — האָט זיך איינע געווענדעט צו דער אנדע־רער.

— וואָס קען מען העלפען...

נאָך א קורצעם שווייגען האָט איינע פון זיי מיך אָנגעקוקט און ווי נאָך א לאַנגען ישוב הדעת מיך הכנעה'דיג געפרעגט:

— איז אין יוראָפּ אויך אזעלכע היצען?

די דאָזיגע פראַגע האָט מיך געקיצעלט: אָט איצט זענט איהר אין מיינע הענד! — האָב איך אין געדאַנק טריאומפירט. וואָס דען? אזוינע היצען ווי דאָ! — האָב איך זיך געוואָלט ריי־צען מיט זיי פאַר זייער נישט וועלען אָנערקענען יוראָפּ.

איך האָב אָבער זיי אָנגעקוקט און האָב בעמערקט אין זייערע אויגען א מין שרעק.

— נאַטירליך, נישט ווי דאָ, אָבער זומער איז איבעראַל היים.

מיין ווייכער טאָן האָט זיי גאָר גוט אויפגעלעגט צו מיר, און די אינגערע, איידע, האָט צו מיר זיך אָנגערופען:

— ווי לאַנג דו פון יוראָפּ?

דער „דו", וואָס איז געזאָגט געוואָרען גאַנץ אונשולדיג, בלויז א דאַנק דעם וואָס זי וויים ניט פון „איהר", האָט מיך דאָך גע־ריהרט. איך האָב אָנגעקוקט דאָס שווארצע מיידעלע מיט'ן קליין פּנים'ל און גרויסע פּאָוס, און האָב מיך מודה געווען:

— פיער מאָנאַטען.

מיין ענטפּער האָט זיי ביידען איבערראַשט. אַזוי גרין האָבען זיי, ווייזט אויס, זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען. זיי האָבען זיך ווי פערשעמט איבערגעקוקט און אַראָבגעלאָזט די קעפּלעך.

אָבער באַלד האָט נעלי מיך אָנגעקוקט און זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פראַגע:

— האָסט אַזאַ גוטען דזשאָב — קענסט אויף קאַנטרי זיצען ?..

— איך ? — האָב איך געשטאַמעלט, פערשעמענדיג זיך, — אָ, איך קען...

— און מיר מוזען פאָהרען מאָרגען צוריק אין ניו יאָרק, — האָט איידע נאַאיוו זיך מודה געווען.

— איהר אַרבייט ? — האָב איך מיט אַנטייל געפרעגט.

— שור אַרבייט איך ! — האָט איידע, ווי בייז, געענטפערט...

— אין אַמעריקאַ מוז מען אַרבייטען ! — האָט נעלי אונטער־געהאָלפען, און איהר שטימע האָט געקלונגען צורייצט...

איך האָב געוואָלט איהר צוגעבען, אַז אַרבייטען מוז מען. שור... וואָס דען... זאָל זי ניט מיינען, אַז איך בין חלילה אַזאַ גרינ־האָרן, וואָס ווייס ניט, אַז מען דאַרף אַרבייטען ; נאָר די ווירטהין פון הויז, אַ יונגע פרוי, מיט גוטע שוואַרצע אויגען, איז צוגעגאַנ־גען צו אונז, עפּיס דערלאַנגט זיי אַ פּאַפּירעלע און געזאָגט אין ענג־ליש :

— אַט האָט איהר אייער ביל...

די ביידע מיידלעך האָבען אויסגעשטרעקט די הענט צום ביל, און גלייך איבערגעקוקט דעם חשבון. באַלד האָט זיך נעלי אָנגע־רופען :

— אָלרייט !.. — און האָט אַ זיפץ געטהאָן...

— פאָהרט איהר מאָרגען נאָך דינער ? — האָט די פרוי גע־פרעגט.

— יעס, נאָך דינער... — האָט נעלי געענטפערט, און האָט

געוואָרפען אַ בליק אין דער ווייט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַנ־זעטיגען מיט'ן שענעם געגענד, וואָס איז געלעגען אויסגעשפּרייט ארום און ארום...

די פרוי איז געבליבען שטעהן אָהן ווערטער. ענדליך האָט זי בעמערקט, קוקענדיג דאָ אויף איידען, דאָ אויף נעלי'ן:

— איהר'ט זיך אין די צוויי וואָכען פיין געפיקסט...

נעלי איז פון דער בעמערקונג פרעהליכער געוואָרען, און זי האָט איבערגעפרעגט:

— געפיקסט... יא, מיר דאַכט...

איידע האָט אָנגעטאַפּט מיט די קליינע הענטלעך דאָס פּנים'ל און נאאיוו געפרעגט:

— און איך?

— אָ, איהר אויך... — האָט די פרוי גוטמוטהיג געשמייכעלט. — איהר קוקט פיין...

— נעלי, — האָט זיך איידע געווענדט צו איהר פריינדין, — מיר וועלען זיך מאָרגען אין דיפּאָ וועגען...

— אָלרייט! — האָט נעלי צוגעגעבען.

איך האָב דעם גאַנצען שמועס צוגעהערט מיט גרוים אינטע־רעס. די דאָזיגע צוויי מיידלעך, וועלכע האָבען מאָרגען געמוזט אוועקפאָהרען, האָבען מיך טיעף געריהרט. איך האָב זיי אין הארצען מוחל געווען זייער פריהערדיגעס בענעהמען זיך און האָב אַנשטאָט פריהערדיגען האַס, דערפיהלט צו זיי אַ גרויס רחמנות:

און וואָס אַרט מיר וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי רעדען, און וואָס פאַר אַ האָר זיי טראָגען? האָב איך זיך גע'מוסר'ט, — איבערמאָר־גען וועלען זיי אין אַזאַ היץ אין שאָפּ שטעהן און ארבייטען, און עס וועט זיי פערפעהלען לופט צו קענען אָטהעמען.

איך האָב געוואָלט זיך ווענדען צו זיי מיט עפּיס אַ פראַגע. נאָר באַלד איז אָנגעפאָהרען די פוהר, וואָס האָט געבראַכט פון סטיישאָן נאָך נייע געסט.

פון וואַגען איז אַראָבגעקראָכען אַ דיקע פרוי מיט צוויי קינ־דער, קליינע מיידעלעך פון אַ יאָהר זיעבען און ניין.

די פרוי פון הויז איז זיי ענטקעגען געלאָפען און געהאָלפען זיי אַראָבנעהמען די געפעק.

באַלד איז זי פאַרגעשטעלט געוואָרען פאַר די באַרדערס פון פאַרם.

— היים אין ניו יאָרק? — האָט נעלי געפרעגט.

— אַך, וואָס פאַר אַ היץ! אונמעגליך צו לעבען! — האָט די נייע באָרדערקע מיט שרעק איבערגעגעבען: — איבער פופציג מענשען זיינען געפאַלען... ווענען פערד איז שוין גאָר קיין צאָהל ניטאָ — זיי פאַלען ווי פליגען.

איך האָב בעמערקט ווי איידע מיט נעלי'ן האָבען אַ ציטער געטהאָן...

— ס'איז ניט אַזוי שרעקליך... — האָב איך זיי שטיל גע־טרייסט, — אַלטע לייט שטאַרבען סיי ווי סיי, שרייבען די פייפערס אַז דאָס איז פון היץ... ס'איז אַ בלאָף...

מיינע ווערטער האָבען קענטיג געווירקט, דען איך האָב גע־זעהן ווי די צוויי מיידלעך האָבען זיך בערוהיגט פון דעם ערש־טען איינדרוק, וואָס די ערשט אָנגעקומענע פרוי האָט אויף זיי געמאַכט מיט זייער שווערען גרוס...

אויף מאָרגען איז געווען די היץ אונערטרעגליך. די זון איז געשטאַנען הויך אויפ'ן הימעל און פון דאָרט מיט אַ זיכערע און פעסטע רוהיגקייט געשאָטען מיט ברענענדע שטראַהלען. די געסט פון באָרדינג הויז זיינען אַלע ווער געזעסען ווער געלעגען צווישען די בוימער אָדער העמאַקען, און מען האָט זיך געפוילט אפילו צו רעדען איינע מיט די אַנדערע.

נאָר די צוויי מיידלאַך, נעלי און איידע, האָבען ארומגעשמייעט פון הויז אין זייער רום און פון רום צוריק; האָבען זיך געפאַקט

אין וועג אריין און געווישט דעם שוויס פון זייערע מאגערע גע־זיכטער...

ענדליך האט דער גלאק גערופען צו דינער.

אין עס־צימער איז געווען שרעקליך הייס. די געסט האָ־בען געטריבען גיכער צו דערלאנגען דאס עסען, כדי צוריק ארויסצו־געהן אונטער'ן פרייען הימעל, — אזוי שטיקענד איז געווען אין צימער. איך בין געזעסען, ווי שטענדיג, קעגען איבער די צוויי מיידלאך און האב ניט אראבגענומען פון זיי קיין אויג.

זיי זיינען געזעסען ווי פער'משפטע. אין זייערע שווארצע אויגען האט מען דייטליך געזעהן א ווילדען שרעק ארומלויפען; און אט האב איך דערהערט ווי איידע האט זיך שטיל אנגערופען צו נעלי'ן:

— מוזען מיר טאקי היינט פאהרען?

נעלי האט דערויף גארניט געענטפערט. זי האט נאר א שטור־מען פארוואורף אויף איהר פריינדין געווארפען, ווי זי וואלט געזאגט:

— קענסט לענגער בלייבען?..

נאך דינער בין איך ארויס אויף דער ווערענדע. די פוהר איז שוין געשטאנען גרייט צו נעהמען די צוויי מיידלאך.

טרויעריג זיינען די צוויי, צום וואגען געשפאנטע, פערד גע־שטאנען, מיט אראבגעלאזטע קעפ, און האבען געווארט מיט פילא־זאפישער געדולד.

באלד זיינען ארויס נעלי און איידע. נאך זיי די פרוי פון הויז.

— ווער פאהרט בעגלייטען? — האט די פרוי פריינדליך זיך געווענדט צו די ארומיגע.

אלע האבען געשוויגען.

— מר. קווין — איהר פאהרט? — האט די פרוי געפרעגט. ווענדענדיג זיך צו א הויכען, געזונדען יונגאטש, וועלכער איז גע־שטאנען אויף דער ווערענדע אהן א ראק, מיט פערקאטשעטע ארבעל פון העמד ביז די עלענבויגענס, אזוי אז עס האבען זיך ארויסגע־

זעהען זיינע פעסטע הארטע מוסקולען, מיט וועלכע ער האט, קענ־טיג, שטארק שטאלצירט.

— צו היים, — האט ער קאלט געענטפערט.

אויך מר. קאהען, א נידריגער אבער פעסטער באי, אין זעלבען אנצוג ווי מר. קווין, האט זיך ענטזאגט:

— אך, מיין גאט! יעצט פאהרען! בין איך פעררוקט!

— און איהר, גרינהארן? — האט די פרוי לאכענדיג צו מיר זיך געווענדט.

— איך פאהר מיט פערגניגען! — האב איך זיך אנגעכאפט.

איידע מיט נעלי׳ן האבען זיך איבערגעקוקט. נאכהער האבען זיי זיך צו מיר געווענדעט מיט די בליקען, און נעלי האט זיך אנ־גערופען:

— ס׳איז דאך היים...

— א, עס מאכט ניט... עס מאכט ניט... — האב איך געשטא־מעלט, — היים!.. וואס הייסט היים... איך וועל אייך בעגלייטען.

זיי האבען זיך שטיל אבגעזעגענט מיט די פערבליעבענע געסט, מיט מאנכע זיך צוקושט. מר. קווין האט לאכענדיג געזאגט:

— מיט נעלי, מיט מיר צוקושען זיך?

— מיט איידע — איהר מיט מיר, — האט מר. קאהען אנ־געשטעלט שפאסענדיג די רעכטע באק.

די מיידלאך זיינען רויט געווארען און נעלי האט בייז געזאגט:

— שאט־אפ!

זיי האבען זיך אריינגעזעצט אין וואגען. דער פוהרמאן, א הויכער, דארער איירישמען, האט גענומען די געפעק, אוועק געלעגט הינטען. באלד בין איך ארויף און זיך געזעצט געגען איבער נעלי און איידע, אזוי אז מיר דריי זיינען אויסגעקומען ווי א סגל.

די פרוי פון הויז האט זיך געזעצט נעבען פוהרמאן.

— גוד־באי! — האבען די מיידלאך מיט פערשטיקטע שטימען אראבגעשריען פון זיץ.

— גוד־באַי! גוד־באַי! — האָבען די ארומיגע אָבגעענט־פערט. דער וואָגען האָט זיך גערירט.

אז די פוהר איז געקומען צום סטיישאָן, איז נאָך געבליבען א האַלבע שטונדע צום צוג. אין דיפאָ־געביידע איז געווען א שטי־קענדע היץ. די בוימעלעך ביים דיפאָ זיינען געשטאַנען אונבעוועגט, ווי פער׳חלש׳ט, און האָבען זיך ניט גערירט מיט קיין בלעטיל...

נעלי און איידע, וועלכע, זיינען געווען די איינציגע פּאַסאַזשי־רען, האָבען גלייך געקויפט טיקעטס, און האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דעם צוג...

זיי האָבען גאַרנישט גערעדט. זיי זיינען נאָר ארומגעגאַנגען הין און צוריק און פון צייט צו צייט צוגעוואָרפען מיר א בליק...

ענדליך איז זייער בליק געפאַלען אויף דער וואָג.

— נעלי! אָט איז א וואָג! קום זיך וועגען! האָט איידע אויסגערופען.

נעלי האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האנד, ווי געזאָגט: וואָס מאַכט עס אויס? דער שאַפּ וועט שוין אָבנעהמען דאָס ביסעלע צוגעקומענע.

דאָך איז זי ארויפגעגאַנגען אויפ׳ן וואָג, אריינגעוואָרפען אוי־בען אין שפּאַלט א ניקעל און זיך צוגעקוקט:

— 115 פונט! דריי פונט צוגעקומען, — האָט זי געמאָלדען.

— און איך? — האָט זיך איידע אָנגעכאַפּט, איז אויך אַרויף אויפ׳ן וואָג, אריינגעוואָרפען א ניקעל און זיך צוגעקוקט:

— נעלי, וויפיעל וועג איך?.. איך פערשטעה ניט.

נעלי האָט בעטראַכט די ציפער און בעשטימט:

112... ווי פיעל האָסטו פריהער געוואויגען?..

— אויך אַזוי, — האָט איידע טרויעריג געענטפערט, — וואָס הייסט עס, גאָר ניט צוגעקומען!

זי האָט געוואָרפען א בליק ווי מיט פאַרוואורף אויף דער פרוי פון הויז, וועלכע איז צוגעגאַנגען און ווי פערשולדיגט געזאָגט:

— ווים איך... ווער האט איך געהייסען אזוי פיעל וואקען?..
איבריגענס האט זי דאס וועגען זיך אביסעל צושטרייט. איך האב בעמערקט און עס האט מיך געפרעהט.

— נישקשה, איהר וועט זיך אין ניו יארק פיקסען, — האב איך אריינגעווארפען א פראזע.

זיי האבען מיך אנגעקוקט ווי משוגע, און נעלי האט זיך אנגערופען צו דער פרוי:

— א גרינהארן...

איך האב מיך אבער נישט בעליידיגט. אין געגענטהייל. איך האב דערפיהלט צו די צוויי מיידלאך ווי איך בין זיי עפּעס אסך א סך שולדיג... און א פערשולדיגטער בין איך געבליבען שטעהן ווארטען אויפ'ן צוג.

ענדליך איז דער צוג אנגעקומען.

די צוויי מיידלאך זיינען ווי צוטומעלט געווארען. זיי האבען זיך שנעל און מיט פערצווייפלונג גענומען זעגענען מיט דער פרוי.

די פרוי האט זיך מיט יעדערער ארומגענומען און צוקושט.

איך בין געשטאנען און געווארט...

— נו, מיסטער, גוד־באי! — האט מיר נעלי אויסגעצויגען די האנד.

— גוד־באי! גוד־באי! — האב איך מיך ווי צוטומעלט..

— גוד־באי! גוד־באי! — האט אויך איידע דערלאנגט מיר איהר הענטיל...

איך האב זי שטארק, שטארק געדריקט...

איך האב אבער דערפיהלט א נויטיגקייט צו צוקושען זיך מיט די צוויי מיידלאך... און נאכדעם, ווי מיר האבען זיך אבגעזעגנט, און זיי זיינען אריין אין וואגאן, בין איך אלץ געשטאנען און געפיהלט, אז די דאזיגע צוויי מיידלעך זיינען מיינע שוועסטער, כאטש זיי רעדען נישט מיין שפראך און זיינען געבוירען אין אן אנדער לאנד!

און צולעגענדיג מיינע פינגער צום מויל, האָב איך זיי צוגע־
שיקט אַ קוש אין דער לופט.

די טריין האָט זיך גערירט און האָט מיין קוש מיטגענומען און
ווי דערטרונקען איהם אין אַ געדיכטען נעבעל פון רויך און דאַמפף,
און האָט איהם פערשריען מיט ווילדען ליאַרמען...

אמעריקא.

II

דער שפּאַניער.

(א סצענע).

פערזאָנען:

ליזאַ, 25 יאָהר, א ברונעטין, זעהט אויס ווי אַ שפּאַניערין.
ראָזאַ, 20 יאָהר, איהר שוועסטער.
נחום, 25 יאָהר, זייערער א קאָזין.
באַרדאשי, 30 יאָהר, עכטער ברונעט.
(די סצענע קומט פאָר אין ניו יאָרק, די לעצטע צייט.)

די סצענע שטעלט פאָר אַן אָרים אָבער זויבער אויפגערוימט צימער. די צוויי בעטען זאָרגפעלטיג פארבעט. בלאַנק־ווייסע ציכען אויף די קישענס. איבעראַל מערקט זיך די ארבייט פון געשמאקפאָלע פרויען־הענד. 7 אזייגער אין אבענד. די גאַז איז שוין אָנגעצונדען. אַז דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, געפינט זיך אויף דער סצענע ליזאַ און ראָזאַ.

ליזאַ: די אידישע יונגע לייט מעגען זיך אַלע אויפהענגען... אַלע ביז איינעם...

ראָזאַ: יא, זיי זיינען אַלע גראָב... איך האָב זיי אויך פיינט...

ליזאַ: זיי זיינען נישט אויפריכטיג און האָבען ניט קיין שום אהנונג פון וואהרער ליעבע...

ר אָ ז אַ : פאַראַן זאַגאַר אויסנאַהמען...

ל י ז אַ (האַקט זי בייז איבער) : גײַ זוך די אויסנאַהמען! דו ביזט נאָך יונג, אָבער איך... פון אַלע מיינע ליעבעס מיט אידישע יונגע לייט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. (פערכאַפּט זיך.) קיין טייך אויך ניט... דאָס הארץ איז אַזוי טרוקען...

ר אָ ז אַ : מיינסט, אַז ניט־אידען זיינען בעסער?...

ל י ז אַ : יאַ! איך בין זיכער... איך בין זיכער... (געהט אום אויפגערעגט הין און צוריק איבער'ן צימער.)

ר אָ ז אַ (מיט אנטהייל): ליזע, עפּעס ביזטו צופיעל פערטיעפט...

ל י ז אַ : יאַ, איך האָב עפּעס צו דערצעהלען, נאָר איך ווייס ניט וועמען קען איך עס ענטדעקען...

ר אָ ז אַ : פאַר מיר, דאַכט זיך, קענסטו אַלץ דערצעהלען... ווייסט דאָך, אַז איך פערשטעה דיך און פיהל דיר מיט.

ל י ז אַ (פאַלט איהר אַ וויינענדיגע אויפ'ן האַלז) : אוי, ראָזעלע, אַז דו וואָלסט וויסען וואָס ביי מיר קומט איצט פאָר אין׳ הארצען...

ר אָ ז אַ (גערירט) : דערצעהל מיר ליזאַ, דערצעהל...

ל י ז אַ (בערוהיגענדיג זיך אַביסעל) : יאַ, דיר וועל איך עס דערצעהלען... אייגענטליך וועל איך עס מוזען אַלעמען דערצעהלען... איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט... ווייסט ראָזעלע, עס קאָן זיין אַז אין גיכען זאָל איך פריי ווערען פון מיין שאַפּ...

ר אָ ז אַ (שטאַרק פעראינטערעסירט) : וואָס הייסט?..

ל י ז אַ : איך האָב שוין אַ פּאָר וואָכען זיך בעקענט מיט איינעם, וואָס געהט אוים נאָך מיינע טריט...

ר אָ ז אַ (גליקליך): זעהר גוט! זעהר גוט... אוי, ווי צופרידען איך בין... דערצעהלט מיר ווער ער איז... בעקען מיך מיט איהם...

ל י ז אַ : אָט דאָס איז אָבער דאָס איינציגע, וואָס איז מיר שווער...

ר אָ ז אַ : פאַר וואָס...

ל י ז ע : ער איז ניט קיין איד.

ר אָ ז א (ווי דערשראָקען) : הם... א גוי ?...

ל י ז א (בייז) : דו אויך !... א גוי ! קענסט נישט זאָגען כאָטש א קריסט...

ר אָ ז א : ענטשולדיג, איך האָב מיך אויסגערעדט... איך מיין טאַקי א קריסט...

ל י ז א : ביי מיר איז ניטאָ ניט קיין גוי און ניט קיין קריסט — איך ווייס נאָר, אז ער איז א שפּאַניער...

ר אָ ז א : ווי אזוי האָסטו זיך מיט איהם בעקענט ?...

ל י ז א (שטראַהלענד) : אויף זעהר אַן אינטערעסאַנטען אופן... איך בין מיט א פּאָר וואָכען צוריק געפאָהרען מיט׳ן עלע־ווייטער, זיצט אזוי נעבען מיר א ברונעטער יונגער מאַן מיט אוי־גען, שוועסטערקע, מיט אויגען אז זיי האָבען מיך דורכגעדרונגען... שווארץ ווי קויל !... און האַלט אזוי די אויגען אויף מיר און קוקט אויף מיר אזוי... איך בין זיך מודה, אז איך האָב אויך אויף איהם געקוקט... עפּעס האָב איך זיך ניט געפיהלט געגוג שטארק נישט צו קוקען אויף איהם... ענדליך הער איך ווי ער פרעגט מיך : —זיינט איהר ניט קיין שפּאַניערין ?... איך בין אין אָנפאַנג געוואָרען צו־טומעלט און האָב ניט געקענט איהם ענטפערן, נאָר באַלד האָב איך געפּאַסט מוטה און איהם געענטפערט : צום בעדויערען, ניין... ער האָט א שמייכעל געטהאָן און זיך אָנגערופען : ווירקליך צום בע־דויערען... איך האָב געמיינט איהר זייט מיינע א לאַנדס־מיידעל... דאָ זיינען דאָ אזוי ווענינ אונזערע פרויען... ער האָט מיך אזוי דערמיט געריהרט, אז איך האָב גלייך בעקומען מוטה און געפרעגט : און ניט קיין שפּאַניערין קען איך דען קיין פריינד ניט זיין ? איך ווייס אליין ניט וואו איך האָב געקריגען דעם מוטה צו זאָגען איהם דאָס... ער האָט מיר אָנגעקוקט מיט אזוי פיעל ליעבע, אז איך האָב געמיינט, איך צוגעה, נאָכדעם רופט ער זיך אָן : קען איך האָבען דאָס גליק צו זעהן אייך נאָך אמאָל ?

איך האָב איהם געענטפערט, אז איך קען איהם ניט... דאָך האָב איך איהם פערשפּראָכען צו טרעפען זיך מיט איהם אמאָל...

אז עס איז געקומען די סטיישאָן וואו איך האָב געדאַרפט אראָב, איז ער אויך אראָב און האָט זיך אָנגערופען: איך וועל אייך אליין ניט לאָזען געהן, איך וועל אייך בעגלייטען... אראָבגעהענדיג פון די טרעפ האָט ער מיך גלייך גענומען אונטער'ן אָרעם. איך האָב ניט געהאַט קיין קראַפט וויעדערצושטעהן און ער האָט מיך בעגלייט ביז'ן הויז...

ר אָ ז אַ: זעהר אינטערעסאַנט!

ל י ז אַ: זייט דאַן טרעפען מיר זיך אַלע אבענד...

ר אָ ז אַ: האָט איהר שוין גערעדט וועגען ערנסטעס?.. כ'מיין צו וואָס קען עס פיהרען?..

ל י ז אַ: ער דאַרף היינט צו מיר קומען אהער, מיר דאַכט, ראָזעלע, אז ער וועט זיין מיין חתן און שפּעטער מיין מאַן... איך וויל דו זאָלסט איהם טאַקי קענען...

ר אָ ז אַ: איך וויל איהם טאַקי זעהן... איך האָב נאָך קיין מאָל קיין שפּאַניער ניט געזעהען... מען זאָגט, זיי האָבען זעהר הייס בלוט... אַן אמת טאַקי, ליזע?..

ל י ז אַ (פערשעמט): ווייס איך...

ר אָ ז אַ: ווי הייסט, דו ווייסט ניט.. האָט ער דען דיך ניט געקושט אמאָל...

ל י ז אַ (לאַכענדיג גוטהערציג): נאַרעלע, אויף דער גאַס קען מען זיך ניט קושען... אַ פּאָליסמאַן קען נאָך אוועקפיהרען אין סטיישאָן־הויז... אָט וועסטו איהם היינט זעהן...

ר אָ ז אַ: איך וויל איהם זעהר זעהן! (נאאיוו:) איך וועל גלייך אוועקגעהן, איך וועל דיר ניט שטערען...

ל י ז אַ (פערשעמט): ביזט אַ נאַר... וואָס וועסטו מיר שטע־רען... דאַרפסט ניט אוועקגעהן...

ר אָ ז אַ (צוהיצט): ניין, איך וועל אוועקגעהן, איהר וועט זיך דאָ פערברענגען...

ל י ז אַ (אויפגערעגט): אוי, מיין גוטע שוועסטעריל! (צו־וויינט זיך.)

ר אָ ז אַ : טאַ וואָס ווײנסטו, נאַרעלע, הערט אַ ביסעל... ווײנט נאָר... (בתמימות:) ווײנסט ווײל אַ קריסט?..

ל י ז אַ : נײן, דאָס אַארט מיך ניט, וואָס אַארט מיך ווער עס ווערט מיר געבען גליק... איך ווײן גלאַט אַזוי, עס ווײנט זיך...

ר אָ ז אַ (דערמאָהנענדיג זיך אָן עפּעס): אוי, ליזע... ווען נחום זאָל דאָס וויסען! ער איז אַזאַ נאַציאָנאַליסט, ער ווערט אַזוי בײז זײן!

ל י ז אַ : נו, ווערט ער בײז זײן! איהם איז גוט, אַז ער האָט אַרום זיך פּיעל אידישע מײדלאַך... זאָל ער פּרובירען לעבען אַזוי אײנזאַם ווי איך... אַ גאַנצען טאָג אַרבײטען אין שאַפּ און אין אָבענד לײענען אַ פּײפּער. — ווערט ער אויך ניט מאַכען קײן אונ־טערשיעד פון אַ אידישע ביז אַ קריסטין...

ר אָ ז אַ (נאָכדענקענדיג): אודאי אַזוי... אין ליעבע־זאַכען איז ניטאָ קײן איד און קײן קריסט...

ל י ז אַ : בכלל האָב איך קײן מורא ניט פאַר קײנעם... איך וועל מײן גליק ניט אָבשטויסען צוליעב אמונה זאַכען... אַז נחום קומט, דערצעהל איך איהם...

ר אָ ז אַ : ער דאַרף שוין טאַקי דאָ באַלד זײן. ער האָט געכ־טען מיר געזאָגט, אַז הײנט קומט ער. — שאַ, מיר דאַכט, אַז ער געהט...

ל י ז אַ : אפשר געהט דאָס דער שפּאַניער. (עס עפענט זיך די טהיר און נחום געהט אַרײן.)

נ ח ו ם (דערלאַנגענדיג בײדען די הענד): וואָס מאַכט איהר מײנע שוועסטערלאַך?..

ר אָ ז אַ (לאַכענדיג): אַ תנאים!

ל י ז אַ (צו ראָזאַ'ן): רעד נישט קײן נאַרישקײט...

נ ח ו ם : עפּעס אַ סוד... דערצעהלט מיר, נאַרישע קינדער. עפּעס בין איך דאָך אײער גײסטיגער אַפּעקון...

ל י ז אַ : אַ, נאַרישקײט, איך האָב מיך בעקענט מיט אַ יונגען מאַן, הײסט שוין בײ איהר מאַכען תנאים...

נ ח ו ם : אדרבא, גאַנץ פײן. תנאים איז אַ אידישע זאַך...

ל י ז א (ראש) : דער חתן איז אָבער ניט קיין איד.

נ ח ו ם (איבערראשט) : ניט קיין איד... וואָס הייסט ניט קיין איד!..

ר אָ ז א (שיעסט אוים) : א קריסט...

נ ח ו ם : א קריסט! ווי קומט ליזא צו קריסטען! ארבייטסט דאָך אין א אידישען שאפּ...

ל י ז א : וואָס מיינסטו טאַקי אז אין ניו יאָרק איז שוין גאָר קיין קריסטען ניטאָ...

נ ח ו ם (לאַכענדיג): סיידען אין בראָנזוויל.... איך בין שוין דאָ דריי יאָהר און האָב נאָך קיין קריסט ניט געזעהען...

ל י ז א : נו, איז דאָך גוט... טאָ וואָס דאַרפסטו ארץ־ישראל? איז דאָך דאָ ארץ־ישראל...

נ ח ו ם : דאָס איז אַן אַנדער פראגע, וועגען ארץ ישראל האָבען מיר מאָרגען טאַקי א מיטינג... היינט אָבער דערצעהל מיר ווער איז טאַקי דיין נייער בעקאַנטער. זיי פּאַרזיכטיג.

ל י ז א (בייז) : פּאַרזיכטיג! פּאַרזיכטיג! נאָר זיי היטען זיך!

ר אָ ז א (קען ניט איינהאַלטען זיך) : ווייסט ווער איהר חתן איז?.. א שפּאַניער!...

נ ח ו ם (דערשראָקען) : א שפּאַניער! ווי קומט זי צו א שפּאַניער... דו בלאָפסט.

ל י ז א : ניין, ברודעריל, זי בלאָפט ניט. — מיין בעקאַנטער איז א ריינער שפּאַניער...

נ ח ו ם (ערנסט) : ליזא, וואָס רעדסטו, — געהסט זיך פערבינדען מיט א שפּאַניער?.. האָסט ניט געלעזען די אידישע געשיכטע?..

ל י ז א : וועלכע געשיכטע?..

נ ח ו ם (צוקאָכט) : די געשיכטע פון אידען אין שפּאַניען...

ל י ז א (טרוקען) : ניין, איך ווייס נישט פון קיינע געשיכטעס... איך בין א שאפּ־מיידעל!

נ ח ו ם (צוקאָכט): דו ווייסט ניט פון דער געשיכטע פון

אידען אין שפאניען... ווייסט נישט, אז מען האט אונז דארטען גע־ברענט אויפ'ן אויטא־דא־פע...

ליזא (פער'חדוש'ט): אויפ'ן וואס?

נחום (קרימט זיי בייז): אויפ'ן וואס? אויפ'ן וואס? — אויפ'ן אויטא־דע־פע... די אינקוויזיציע...

ליזא: אינקוויזיציע... מיינע געשעפטען... אין שאפ איז מעהר אינקוויזיציע...

נחום: איך וועל דיר ניט לאזען האבען קיין געשעפטען מיט'ן שפאניער... (אויפגעבראכט): וועה! וואס א אידישע טאכ־טער קען זיך ערלויבען! אט דאס זאגט טאקי מאקס נארדוי...

ליזא: שוין מאקס נארדוי — וואס איז דאס פאר אן אינקוויזיציע?

נחום (וויכער): ליזא, ווייסט דאך, אז איך בין ב"ה קיין פאנאטיקער, מיך ארט נישט זאלסט חתונה האבען, למשל, מיט א סאציאליסט, כאטש פיינט האב איך זיי אויך ווי א איד — חזיר. (ווידער בייז:) האב חתונה מיט אן איטאליענער, צו אלדע טייוועל! מיט א יאפאנעזער, מיט א כינעזער... ווי באלד אז אייך ציהט צו גוים! אבער מיט א שפאניער... דאס פאלק וואס האט אידען אזוי געפייניגט...

ליזא (סארקאסטיש): מיך האבען זיי ניט געפייניגט... מיין אידישער באס פייניגט מיך מעהר...

נחום: רעדסט ווי אן אנטיסעמיטין, ווי א פעררעטהערין!

ראזא: אימיצער געהט.

ליזא (אויפכאפענדיג זיך): דאס איז ער! דער שפאניער.

נחום: איך וועל איהם ארויסיאגען!

ליזא: איך בעט דיך, זיי א מענש, געה אריין אין מיין לאגע...

נחום: א, טארקוועמאדא! אינקוויזיציע! אויטא־דע־פע! פערפלוכט זאלט איהר זיין.

ראזא: ששש...

(עס עפענט זיך די טהיר און עס געהט אריין באררדאשי. נחום

שטעלט אויף איהם אויס די אויגען, גיט זיך א כאפּ צו איהם און צולאכט זיך):

נ ח ו ם : פּייטעלאָוויטש... א רוח אין דיין טאַטען אריין !.. ווען ביזטו דאָס געוואָרען א שפּאַניער...

(ל י ז א פערברעכט מיט די הענד, ראָזא האַלט זי צו זי זאָל ניט פאַלען.

נ ח ו ם (צו באַרדאַשי) : אוי, איידער אזא איד איז שוין טאקי בעסער א שפּאַניער...

(פאָרהאַנג)



אמעריקא.

III

דער אלטער.

איך בין געווען ניט לאנג איינגעלאדען אויף דינער אין א ראדיקאלער ארבייטער פאמיליע.

די יוגענד איז געווען פרעהליך געשטימט. עס איז געווען א זונטאג, איילען זיך צו דער ארבייט דארף מען ניט. דערצו איז מען געווען אנגעגרייט נאך דינער צו געהן אויף א פיק־ניק, וועלכער האט געזאלט זיין זעהר אינטערעסאנט.

די צוויי טעכטער, וועלכע ארבייטען א גאנצע וואך אין א שאפ, האבען זיך געפלייסט, אז דער דינער זאל לכבוד מיר ארויס וואס געראטענער. די צוויי זיהן, וויעדער, האבען געקוקט אז עס זאל זיין א גוט גלעזעל ביער ביי'ן עסען. און דערפאר האבען די הכנות צום דינער צו לאנג געדויערט און איך האב מיך שוין אנגעהויבען אבי־סעל צו לאנגווייליגען.

ענדליך איז שוין אלץ צום דינער געווען גרייט. די טע־לער האט מען שוין אוועק געשטעלט אויפ'ן טיש, אויסלעגענדיג ביי יעדען טעלער א גאפעל, לעפעל און מעסער. דאכט זיך אלץ איז שוין פארטיג געווען און דאך איז מען נאך עסען אלץ ניט געגאנגען.

די עלטערע טאכטער, חוה, מיט בלאסע באקען און טיעף איינ־געגראבענע אין שטערען פינקלענדיגע שווארצע אויגען, האט זיך גע'סוד'עט מיט'ן ברודער, חיים'ן; דערנאך מיט דער איינגערער שוועסטער, לייקע א מיידעל פון א יאהר צוויי־און־צוואנציג, וועלכע האט נאך ענטהאלטען אביסעל נאטירליכע פארב אין געזיכט און די שווארצע האר פערקאמט אין א צאפ וואס האט זי נאך פיעל איינגער געמאכט. אבסוד'ענדיג זיך זאלבעדריט צווישען זיך איז ענדליך

לייקע צו מיר צוגעגאַנגען און מיט אַ פריינדליכען שמייכעל מיך געפרעגט:

— וואָלט איהר וועלען זיך בעקענען מיט אונזער טאַטען?

— אַך, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! האָב איך מיך אָנגע־כאַפּט מעהר אויס העפליכקייט. איך האָב געהערט נאָך פריהער אַז זייער פאָטער איז איבער אַכציג יאָהר אַלט און איז אונגעוועהנליך פרום.

— וועט ער וועלען קומען דען? האָט די מוטער, אַ פרוי פון אַ יאָהר זעכציג געצווייפעלט — ער וועט ניט אַוועקגעהן פון בית־מדרש.

— גאַנצע טעג זיצט ער אין בית־מדרש... האָט זי זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ בעדויערונגס־שמייכעל — אינטערעסירט זיך ניט מיט קיין זאַך.

— צוליעב'ן גאַסט וועט ער געוויס קומען, — האָט לייקע פער־זיכערט. — חיים, זאָג איהם, אַז דער גאַסט איז אַ בעל־הביתישער יונגער מאַן און קומט ערשט פון רוסלאַנד... צו אַזאַ וועט ער לויפען...

— יאַ, יאַ! — האָט די מוטער געזיפצט, — דערהערט ער אַז עמיצער איז געקומען פון רוסלאַנד, ווערט ער אַן אַנדער מענש.

איצט ערשט האָב איך מיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דעם אַלטען פאָטער זייערען, און האָב ארויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז מען זאָל איהם רופען.

חיים איז אַוועק נאָך איהם אין בית־מדרש, וועלכער האָט זיך געפונען ניט ווייט פון זייער וואָהנונג. איך האָב מיט אונגעדולד געוואַרט...

אין עטליכע מינוט אַרום איז מיט חיים'ן אריין אין שטוב אַ גרייז־גראָהער הויכער זקן, אַביסעל אונטערהינקענדיג אויף אַ פוס...

איך האָב מיך איינגעקוקט טיעף אין זיין פּנים און האָב דער־זעהען אין זיינע אויגען אַ פערבאָרגענע שרעק, צומישונג און אונ־געהייערע בענקשאַפט...

ער איז שטעהן געבליבען אין מיטען שטוב און האָט ווי פער־פערווירט געקוקט אַרום.

— טאַטע, דאָס איז אונזער גאַסט! האָט ענדליך לייקע פּרעה־ליך זיך געווענדעט צו איהם.

איך בין גלייך צוגעגאַנגען צו איהם...

— שלום־עליכם! האָט ער מיר אויסגעשטרעקט זיין אַלטע ביינערנע האַנד.

אין דעם „שלום עליכם“ האָט אַ קלונג געטהאָן אַזוי פיעל ליע־בע, מענשליכקייט און אין דער זעלבער צייט עלענדקייט, אַז איך האָב די האַנד זיינע שטאַרק אַ דריק געטהאָן און הויך און דייטליך, ער זאָל גוט הערען, איהם געענטפערט:

— עליכם שלום!

— טאַטע, האָט שוין די עלטערע, חוה, זיך געווענדעט צו איהם, — דער יונגער מאַן איז ערשט פון רוסלאַנד.

— האַ? האָט ער האַלב ניט גלויבענדיג זיינע אויערען אויס־גערופען הייזעריגליך, — וואָס זאָגסטו, טאָכטער?

— ערשט פון רוסלאַנד געקומען...

אין זיינע אַלטע אויגען האָט אַ פינקעל געטהאָן אַ פייעריל און ער האָט מיט אַ בעזונדער מין וואַרימקייט צו מיר זיך אָנגערופען:

— אַזוי, ערשט פון רוסלאַנד... זעצט זיך... זעצט זיך... זעצט זיך... און אָבשטאַמלענדיג אַ פּאָר פראַזען האָט ער שוין דייטליך־ אַרויסגערעדט:

— דער עולם פאָהרט נאָך אַלץ אַהער... דאָרטען איז דאָך בע־סער... חי־חי־חי... מיינע קינדער ארבייטען דאָ אַלע נעבעך... אַלע אַרבייטען...

— אָבער דאָ איז דאָך פרייער... האָב איך איהם געוואָלט עפּעס בעמערקען.

— יאַ, פרייער, פרייער... האָט ער געזיפצט. מען מעג טהון וואָס מען וויל... אַוואַדע... פון דעסטוועגען וואָלט איך נאָך געפאָהרען צוריק אַהיים...

— ווי אַזוי וואָלט איהר געלאָזען די קינדער דאָ?..

— חי־חי־חי! האָט ער גוטהערציג געלאַכט... די קינדער... דאָ בין איך אַ קינד... זיי ארבייטען נעבעך און שפּייזען מיר...

— ווי אזוי קומט איהר טאַקי צו פאָהרען אהער? האָב איך געפרעגט.

— ווי אזוי? הא, ווי אזוי? עס איז טאַקי אַ קשיא... ווי קום איך אין אמעריקאַ?.. האָט ער זיך צוזיפצט... איך אין אמעריקאַ?.. געווען אַ איד אַ סוחר, ברייט געהאַנדעלט... געווען אַלערליי צייטען, אָבער שטענדיג געווען אַ בעל הבית, מיט אַ נאָמען, מיט אַ פונדאַ־מענט... נו, האָט מען דאָך געוואָלט „פרייהייט", חי־חי־חי — פריי־הייט. איז געוואָרען פריי, פערשטעהט איהר מיך, און מען האָט געמאַכט פּאָגראָמען, גערויבט, געשלאָגען...

— איהר קומט אהער נאָך'ן פּאָגראָם?

— וואָס דען — פאַר'ן פּאָגראָם וואָלט איך אהער געפאָה־רען?.. איך האָב געדאַרפט אמעריקע?.. איך האָב דען ניט גע־וואוסט וואָס אמעריקע איז... אלא וואָס דען? מען איז ניט געוואָ־רען זיכער מיט'ן לעבען אפילו נאָך'ן פּאָגראָם. דער עיקר — די טעכ־טער... אַ קלייניגקייט, אז אידיש בלוט און אידישער כבוד איז הפקר... האָב איך טאַקי געוואָלט, אז די טעכטער זאָלען אוועקפאָה־רען; דער בחור איז נאָך נאָכ'ן ערשטען פּאָגראָם אוועקגעפאָהרען... האָבען זיי אָבער מיך ניט געוואָלט לאָזען אליין... אין דער היים איז אַ טאַטע ניט ווי דאָ... און צוריק גערעדט האָב איך אויך דאָ גאָר נישט צו זיי...

— הייסט עס זענט איהר צוליעב די קינדער געפאָהרען... האָב איך געפרעגט...

— עס פערשטעהט זיך, וואָס דען — איך האָב דען גערעכענט צו פאָהרען אין אמעריקאַ?.. איך האָב נאָר געוואָלט זיי זאָלען פאָהרען און איך וואָלט מיין לעבען געענדיגט אין דער היים, ליעגען לעבען מיינע עלטערען... אויף וואָס האָב איך געדופעט... אז מען וועט מיך ניט אריינלאָזען... די הצפירה האָב איך געלייענט, האָב איך דוקא געוואוסט, אז אַלטע לייט לאָזט מען ניט אריין און דערצו נאָך בין איך אין פּאָגראָם גערא̈ניעט געוואָרען אין פוס, געלעגען זעקס וואָכען אין האָספּיטאַל, און הינק עד היום, איז דאָך אודאי גוט, וועט מען דאָך מיר אודאי ניט אריינלאָזען — און מיט די אויגען

מיינע בין איך אויך געווען זיכער, אז זיי טויגען ניט פאר אמעריקע... איך האב דאס אלץ געוואוסט פון דער הצפירה. בין איך דאך געווען ביי מיר זיכער, אז מיך וועט מען שיקען צוריק און אהן מיר וועלען זיי ניט פאהרען — האב איך זיי געוואלט אבנארען. אויסען בין איך נאר געווען, אז זיי זאלען בלייבען אין אמעריקא, ווייל מען איז דער־מאלט ניט געווען זיכער מיט'ן לעבען... איבערהויפט די טעכטער... א קלייניגקייט, אז עס איז הפקר...

— הייסט עס זענט איהר געפאהרען לכתחילה אז מ'זאל אייך שיקען צוריק? — האב איך מיך שוין שטארק פערוואונדערט.

— וואס דען? האט זיך דער אלטער אנגעכאפט, — ווען איך וויים, אז מען לאזט מיך אריין, וואלט איך דען געפאהרען?... איך אין אמעריקע?.. ווייזט זיך אבער ארויס, אז די הצפירה ווייס טאקי און דאס האט זי גראד ניט געוואוסט... ס'הייסט די הצפירה איז ניט שולדיג... אריינלאזען האט מען טאקי לכתחילה מיך ניט געוואלט; אלא וואס דען? ווי באלד, אז איך האב געליטען פון פאג־ראם היים איך שוין א „פאליטישער" — איהר פערשטעהט? און ווי באלד איך בין א פאליטישער קומט מיר שוין אריינלאזען... דא איז פונקט פערקעהרט... איך האב דערהערט דעם גזר איז מיר געווארען פינסטער אין די אויגען. די קינדער פרעהען זיך, די אלטע פרעהט זיך און איך בין ווי צוטומעלט: מיין גאנצער פלאן, הייסט עס, אז צו גארנישט געווארען... ניט איינגעגעבען זיך.... זיי א חכם און וויים, אז אמעריקא האט אזוי פיעל יושר..

— איז דאך גוט — האב איך איהם געוואלט טרייסטען. ווי באלד אז דא איז אזוי פיעל יושר, היינט וואס בענקט איהר אהיים... ביי אונז אין דערהיים איז דאך ניטא פון דעם מין... היינט וואס בענקט איהר?

— וואס הייסט איך בענק... האט ער זיך געוועקעלט... עס איז גלאט ניט קיין דרך אויף דער עלטער צו לעבען אין אמעריקא... פאר מיר האט דאס ניט געפאסט... עס איז דען א לאנד?.. איהר ווייסט — האט ער ענדליך צוגעגעבען, אמאל דאכט מיר, אז דא איז אלץ אויף צוכלומערשט... ס'איז אלץ עפעס ניט דאס... דא איז דאך אויך

דא א בית־מדרש... און אַ רב, און א שוחט, און א קצב... נאָר ס'איז אַלץ אויף צו בלומרשט... ווי מיינט איהר? דאכט זיך עס אייך אויך ניט דאָס זעלביגע?

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן און האָט דערזעהען מיין געראַזירט פנים, האט ער אראָבגעלאָזען די אויגען און מעהר נישט געפונען קיין ווערטער...

איך האָב שטיל אָבגעזיפצט און געוואָלט וואָס זאָגען, נאָר עס איז צוגעגאַנגען דער זוהן חיים, אָהן א היטעל און מיך איינגעלאַדען צום טיש.

— און איהר? האָב איך שוואַך געפרעגט, ווענדענדיג זיך צום אַלטען.

— ניין, אַ דאנק, איך עס ניט קיין פליַיש...

— און מילך אַפּנים עסט ער? האָט די אלטע זיך צוזיפצט... אַלץ איז דאָ ביי איהם טרייף...

— טרייף? חלילה! האָט ער זיך אָנגעכאַפּט... ווער זאָגט דען?.. נאָר איך גלויב זיי נישט...

מיר האָבען זיך געזעצט אַלע ביים טיש... די קינדער האָבען פרעהליך געפלוידערט. מיר אָבער איז געווען עפּיס ניט צום מוט, און טיעף אין הארצען האָב איך בעדויערט דעם אַלטען, וואָס דער מזל איז צו איהם געווען אזוי גרויזאם און מען האָט איהם יא אריינגעלאָזען אין דעם פרייען לאַנד...

אמעריקא.

IV

די הינקערדיגע טענצערין.

ליזא איז שוין א מיידעל פון עטליכע און צוואנציג יאָהר, אָבער איהר ניט־הויכער וואוקס און דראָבנעם פּנים׳ל גיט איהר אַן אויס־זעהן פון א זיעבצעהניעהריג מיידעל. איהרע שווארצע בענקענדיגע אויגען קוקען שטענדיג נאאיווו און פרעגענדיג און בשעת זי רעדט מאַכט זי מינעס ווי קינדער וואָס ווערען פון אַלץ נתפּעל, גלויבען אין אַלץ און בעזונדערס גיט איהר צו קינדערישעס, וואָס נאָך יעדע פראַזע לעגט זי צו מיט זיכערקייט: אודאי אזוי, אמת...

עס הייסט אָבער ניט, אז ליזא איז טאַקי א קינד, פערקעהרט, זי האָט שוין אין איהרע עטליכע יאָהר נאָך איהר ווירקליכער קינדער־הייט פיעל שטאַרקע געפיהלען דורכגעלעבט, פיעל מאָל שוין אהינגע־ריסען געוואָרען פון שוואַרץ־אויגיגע און לאַנג־לאָקיגע בחורים, שוין געווען אפילו מיט עפּעס א הויכען טרעמפּ, און אפילו וועגען איהם פלעגט זי אויך האָבען א ריין־קינדיש אויסדרוק:

— יא, ער איז זעהר א פיינער מאַן, ער וועט מיך נעהמען אין דער וועסט, צו־פּוס... ער האָט מיר דערצעהלט, אז דאָרטען דאַרף מען גאָר ניט ארבייטען, איך וועל אמאָל געהן מיט איהם... בעסער, ווי אין שאפּ... יא, אודאי אזוי, אמת...

די חבר׳טעס איהרע, ניט עלטערע און אמאָל איננגערע פון איהר, פלעגען איהר ווארנען:

— אָ, ליזיטשקע... רעד ניט קיין נארישקייט... א טרעמפּ' בלייבט א טרעמפּ... בעגעגען זיך מיט איהם מעהר ניט... ער וועט דיך נאָך פערפיהרען...

דאַן פלעגט זי אויסשטעלען דערשראָקען די אויגען און זיך חדוש׳ן:

— פערפיהרען? וואָס קען ער מיך פערפיהרען? ער איז דאָך אזא שעהנער... יא, אודאי אזוי — ער איז א שעהנער.

שעהן האָט ביי איהר געהייסען ניט נאָר שעהן אין אויסזעהן, נאָר אין געפיהלען און פיהרונג...

נאָר דער פערלאַנג צו געהן אין דער וועסט מיט׳ן טרעמפּ האָט ביי איהר נישט לאַנג אָנגעהאַלטען: דער טרעמפּ מיט וועלכען זי פלעגט זיך צופעליג אָבער אָפט טרעפען אין יוניאָן סקוועד איז ער־

געץ פערשוואונדען און זי האט זיך הינגעריסען מיט א צווייטען יונג, שוין דער געגענזאטץ פון א טרעמפ: דאס איז געווען א שעה־נער יונגער סטודענט פון קאלומביא קאלעדזש. מיט דעם דאזיגען סטודענט פלעגט זי זיך טרעפען שבת און זונטאג און פלעגט מיט איהם פערברענגען דעם גאנצען טאג ביז צוועלף אין אבענד. ער פלעגט איהר נעהמען אויף בראדוויי אין די בעסערע מיוזיק־האלס. דארט פלעגט זי זיך אפט ענטציקען פון די טענצערינס און ביי יע־דער ארויסטריט פון א טענצערין פלעגט זי דעם סטודענט א סוד אריינרוימען:

— דו ווייסט, אז איך וואלט אויך געקענט זיין א טענצערין...

דער סטודענט קוקט זי אן שמייכלענדיג און ווארינט איהר פריינדליך:

— עס איז א מיאוסע בעשעפטיגונג...

נאר ליזא צינדט זיך אן מיט א קינדערשען כעס און ענטפערט:

— א מאוסע בעשעפטיגונג... ס'אליגען... איך ווייס אז ס'איז א ליגען. מיר האט דערצעהלט די הינקענדיגע טענצערין...

— וועלכע טענצערין? — וואונדערט זיך דער סטודענט.

— די הינקעדיגע... די הינקעדיגע.

דער סטודענט צולאכט זיך.

— א הינעקדיגע טענצערין... ווי אזוי איז דאס מעגליך, נארע־לע, דו...

— הערסט... אודאי אזוי, אמאל איז זי געווען ניט קיין הינ־קעדיגע... איך האב זיך מיט איהר בעקענט, אז זי איז שוין געווא־רען הינקעדיג... זי האט מיר אלץ דערצעהלט: זי האט מיר געזאגט, אז איך האב שעהנע פיס און איך בין א קליינינקע און דאס איז גוט... א גרויסע קען ניט זיין קיין טענצערין, זי איז אויך א קליינע, נאר זי האט איינמאל געטאנצט מיט אזא שנעלקייט, אז זי האט אויסגעלונקען א פוס, און פון דאמאלס אן הינקט זי...

— און מעהר טאנצט זי ניט... האט דער סטודענט געלאכט גוטמוטהיג, אריינקוקענדיג אין ליזע'ס אויגען...

— געווים טאנצט זי שוין ניט... אבער זי האט דאך דריי

יאָהר געטאַנצט... זי האָט געזאָגט, אַז עס איז אַזוי גוט צו זיין אַ טענצערין. די ערשטע וואָך נעהמט מען אַכטצעהן דאָלאַר און נאָכ־דעם נעהמט מען דאָפּעלט... נאָר אַ האַלב שעה טאַנצט מען... און דערנאָך איז מען פריי...

— און וואָס האָט זי דיר נאָך דערצעהלט? פאָרשט מיט אַ שמייכעלע דער סטודענט.

— אָ, רויטעלט זיך ליזאַ, די הינקעדיגע טענצערין האָט מיר דערצעהלט אַ סך זאַכען... אודאי אַזוי... זי ווייס... זי זאָגט אַז איך בין ווי געבאָרען דערצו... זי האָט געזאָגט אַז איך האָב שעהנע פיס... און איך וואָלט געהאַט ערפאָלג...

זי האָקט אָב, ווייל אַ נייע טענצערין געהט אַרויס אויפ'ן סצע־נע. קלינגענדיג מיט צוויי גלעקעלעך אין די ביידע קאַקעטיש אויס־געשפּרייטע הענד דרעהט זי זיך און איהר קורץ קליידעל, בלויז ביז די קניה, בילדעט זיך אין אַ גאָלדענע ראָד...

— אָט אַזוינע טענץ האָט די הינקעדיגע טענצערין געטאַנצט...

— בעגייסטערט זיך ליזאַ, — פאַר אַזאַ טאַנץ נעהמט מען אַ סך... און דערצו...

זי האַקט אָב...

דער סטודענט ווערט נייגיעריג:

— וואָס דערצו? שמייכעלט ער.

— דאָס וועל איך שוין ניט דערצעהלען, לאָזט ליזאַ אַראָב די אויגען....

— שעמסט דיך?...

— ניין, ס'איז גאָר ניט מאוס... נאָר איך וויל ניט... דו וועסט ניט פאַרשטעהן. אָבער ס'איז ניט מאוס... אודאי אַזוי... — בע־הויפּטעט זי פעסט... — מען טאָר דען נישט פערברענגען נאָכדעם מיט שעהנע מענשען...

— אהא... האַפּט זיך דער סטודענט.... — אהא!

— דו ווייסט שוין?... פרעגט זי.

— אודאי...

— יא, ווען דו הערסט ווי די הינקעדיגע טענצערין דערצעהלט

עס, וואָלסטו געזאָגט, אַז עס איז שעהן...

— קען זיין... איז מסכים דער סטודענט...

— געוויס איז שעהן... ווערט ליזא דרייסטער... זי זאָגט, אַז דאָרטען איז גאָר אַן אַנדער וועלט, און מען פערגעסט אַן אונזער וועלט... זי זאָגט אַז אונזער וועלט איז אַ מאוסע, אַן אומעטיגע... אַ וועלט פון שעפער און סטאָרס... אודאי אַזוי, זי איז טאַקע גע־רעכט... איך וועל אויך ווערען אַ טענצערין... סטראַשעט זי צום סוף, — וועסט זעהן!...

— נו־נו, איז מסכים דער סטודענט... און באַלד פרעגט ער:

— וואו איז זי איצט?

— ווער?

— אַט דיין הינקעדיגע טענצערין...

— איך ווייס נים, זי איז ווי אין וואַסער אריינגעפאַלען... איך זוך זי אומעטום...

— וואָס דאַרפסטו זי?

— יאָ, איך דאַרף זי... זי דערצעהלט אַזעלכע שעהנע זאַכען... איך האָב אַזוי ליעב געהאַט צו הערען...

— אפשר טאַנצט זי ווייטער?

— חי־חי־חי — צולאַכט זיך ליזא מיט אַ קינדערשען גע־לעכטעריל... ווי אַזוי קען זי איצטער טאַנצען, אַז זי איז הינקעדיג...

— אָבער דו וואָלסט געקענט טאַנצען... לאַכט דער סטודענט...

— אַ, אוואַדע! חאַפּט זיך ליזא אָן דערמונטערט... איך האָב אַ קליינע וואוקס און שעהנע פיס... אַזוי האָט זי מיר פערזיכערט... זי ווייסט דאָך... זי האָט דריי יאָהר געטאַנצט... דריי יאָהר איז דאָך אַ סך, אמת? זעהר אַ סך...

דער סטודענט פאַרטראַכט זיך און מורמעלט אַרויס:

— יאָ, אַ סך, אַ סך... אָבער דערנאָך ווערט מען הינקעדיג.

— אָבער דערפאַר האָט זי דאָך געטאַנצט, — שפּאַרט זיך לי־זא מיט קינדערשע עקשנות...

דער סטודענט שווייגט...

מיניאַטורען.

I

דער טויט אין „רענעסאנס"

דער איינגענטימער פון קאבארעט, „רענעסאנס", איז ערנסט קראנק געווארען.

די ידיעה איז אנגעקומען אין גרויסען זאל „רענעסאנס" א זייגער צוועלף ביינאכט, ווען דער עולם איז נאך ניט געווען אינגאנצען.

דער שותף, האוועלע, א מאן פון א יאהר פינף־און־פערציג, מיט איינגעפאלענע באקען און א לייכטען פליך אויפ'ן האלב־ווייסען קאפ, האט די ידיעה אויפגענומען מיט א שמייכעל:

— מסתמא האט ער זיך צופיעל איבערגעליעבט.... עס וואלט איהם שוין צייט געווען אבצורוהען....

און גלייך איז ער צוגעגאנגען צו דער שעהנער ראזאלדע, א ספאנישע טענצערין, וואס רעדט געלויפיג אידיש, און האט איהר מיט א שמייכעל געמאלדען:

— אונזער הערר איז קראנק.

— אזוי? — האט זי גאנץ נאאיוו געפרעגט, און האט זיך אנגעכאפט פאר דער ענטבלויזטער ברוסט, — א שאד.

נאר באלד האט זי זיך ערמונטערט:

— ער וועט געזונד זיין, אונזער הערר. ער איז א וואוילער קערל.

זי איז אריין אין דער אונטערשטער לאזשע, וואו עס איז געזעסען א יונגער דראגון־אפיציער און, שוין האלב־שכור'לעך, האט ער געגלעט די ווייסע הענטלעך פון דער בלאנדער וויענער סוברעטין.

— אונזער הערר איז קראנק, — האט זי אריינגעווארפען.

— פגר'ט ער אוועק! — האט דער אפיציער אויסגעשריען לוסטיג און האט די טענצערין אוועק געזעצט נעבען זיך, און האט פער'שכור'ט געבעטען: טרינקט מיט אונז!...

— טרינקען? — האָט זיך די טענצערין ווי פערטראַכט... עס ווילט זיך היינט עפּעס ניט טרינקען. אַ מאָדנע זאַך.

— איהר וועט היינט האָבען אַ מפּלה ביים טאַנצען, — האָט דער אָפיציער איהר נביאות געזאָגט, — איהר הערט! איהר וועט זיך אויסגליטשען און וועט אַ פוס צוברעכען.

די ספּאַנישע טענצערין, זייענדיג זעהר אבערגלויביג, האָט זיך דערשראָקען פאר דער נביאות און, אַ קלאַפּ טוענדיג איהם איבער דער האַנד, האָט זי געוואָרענט:

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטען!

און זי האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזעל שאַמפּאַניער און נאָכ־דעם צוגעגעבען:

— ווי מיינט איהר, וועט אונזער פערוואַלטער געזונד ווערען?

— פּגר'ט ער! — האָט זיך דער אָפיציער געהאַלטען ביי זיינס.

אַ זייגער איינס איז דער קאַבאַרעט „רענעסאַנס" איבערפולט געוואָרען מיט געסט. אַלע קליינע טישלעך זיינען געווען בעזעצט מיט פּאָרלעך פון פערשיעדענע עלטער און שטאַנד. ביי מאַנכע טישלעך האָט מען געקענט זעהן אַלטע לייט מיט הוילע קעפּ, די עטליכע איבערגעבליבענע האָר עקאָנאָמיש צושפּרייט אויפ'ן ווייסען שאַרבען, זיצען מיט אַכצעהן־יעהריגע מיידלאַך מיט שוואַרצע געדיכטע לאָקען. דאָ שפּיעלט די צאָהל יאָהרען קיין ראָל נישט, ווייל דער אַלטער לאַכט דאָ פּונקט אַזוי ווי דאָס יונגע מיידעל, און געדאַכט האָט זיך, אַז די מיידלעך פערקויפען נישט נור זייער לייב, נאָר אויך זייער יוגענד און שענקען אוועק פאר די עטליכע רובעל אויך אַ טייל פון זייערע יאָהרען....

אין די ברייטע דורכגאַנגען האָבען ארומגעשפּאַצירט רייכע עפּענטליכע פרויען. אויף זייערע ענטבלויזטע בוזעמס און גאַנץ נאַקעטע הענד האָבען געפינקעלט בריליאַנטען און דימענטען. זיי האָבען קאָקעטיש זיך דורכגעוואָרפען מיט ווערטלעך מיט מאַנכע בעקאַנטע הערען, וואָס זיינען שוין, ליידער, געווען פערנומען מיט אַנדערע, און האָבען געוואַרט אויף דער רייהע.

נאָר אַט האָט מען אויף דער רעכטער זייט פון דער עסטראַדע געוויזען אין עלעקטרישע פייער דעם „נומער צעהן". די יעניגע פון פובליקום, וואָס האָבען געקענט דעם נומער, האָבען אָנגעהויבען מיט גרויס התלהבות צו פּאַטשען און אויסצושרייען: טאָמפּסאָן, סעווערעסקאַיאַ! דאָס האָבען זיי מקבל פּנים געווען דאָס לוסטיגע פּאָרעל, וועלכע איז בעשטאַנען פון אַ נעגער מיט זיין ווייסער פרוי. מיט פרעהליכע געזיכטער האָבען זיי ביידע אריינגעטאַנצט אויף דער סצענע און אָנגעהויבען וואַרפען מיט די פיס און אויסאַרבייטען פערשיעדענע וואַריאַציעס, דרעהענדיג זיך ווי אַ וויכער איבער דער סצענע.

אין דער זעלבער מינוט איז אַריינגעלאָפען אין זאַל אַ פרוי פון אַ יאָהר פינף־און־פיערציג, רייך געקליידעט מיט צושויבערטע האָר, און האָט מיט ווילדע בליקען געזוכט דעם שותף, האוועלען.

דערזעהענדיג איהם שטעהן מיט אַ שאַנסאָנעטין, האָט זי איהם ביין אָבגעשטופּט און ווילד אויסגעשריען:

— שטעלט אָב! ער איז געשטאָרבען... שטעלט אָב!

דער שותף, האוועלע, האָט אַ פיהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן פליכעוואַטען קאָפּ און רוהיג בעמערקט:

— אונמעגליך.... זיי זיינען אַלע שיכור....

— ער איז געשטאָרבען! שטעלט אָב! — האָט דעם פער־וואַלטער'ס פרוי געשריען.

— מען קען ניט! מען קען ניט! —האָט דער שותף איהר רוהיג ערקלעהרט, — זיי זיינען אַלע טויט־שכור....

די פרוי האָט געוואָרפען פערצווייפעלטע בליקען אויפ'ן פובליקום, אויף דער סצענע.... זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ טישעל און האָט אויסגעשריען:

— אהיים! ער איז געשטאָרבען!

ראָזאַלדע, די אידיש־שפּאַנישע טענצערין, וועלכע איז אַ בע־טרונקענע ביים טישעל געזעסען, האָט לוסטיג אויסגערופען:

— זעהט ווי שעהן אונזער פערוואַלטערין איז! וואו איז

דער פערוואַלטער? לאָז ער קומען! — האָט זי געלאַכט, — איך האָב איהם ליעב, ער איז אַ וואוילער קערל....

— ער איז געשטאָרבען! — האָט די פרוי, מיט ווילד־אויס־געגלאָצטע אויגען, געשריען, — ער איז געשטאָרבען.... איהר פער־שטעהט. ער איז געשטאָרבען!...

— אך, וואָס דרעהט איהר אַ קאָפּ? — האָט אַ הער פון די וואָס זיינען געזעסען ביים טישעל מיט ראָזאַלדען, פער׳שכור׳ט גע־בייזערט זיך, — וואָס געשטאָרבען, ווען געשטאָרבען... אָט קוקט בעסער ווי מען טאַנצט....

— געשטאָרבען, זאָל איך אַזוי.... — די פרוי האָט ניט געקענט געפינען קיין ווערטער, ווי אַזוי צו ערקלערען זיי. זי איז אומגעלאָ־פען פון טישעל צו טישעל, פון לאָזשע צו לאָזשע: זי האָט געוויינט, זיך געבעטען, נאָר קיינער האָט נישט פערשטאַנען וואָס זי וויל, וואָס זי וויינט.

איין אלטער גענעראַל, ביי וועלכען זי האָט געהאַפּט געפינען אַן ענטפער אויף איהר בקשה, האָט, אַ פער׳שכור׳טער, זי אַ גלעט געטהאָן ביים האַלז און קינדיש־נאַאיוו געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, טייבעלע? געשטאָרבען? האַ? געשטאָר־בען? — וואָס איז דאָס געשטאָרבען?

און ער האָט זי גוטמוטהיג אוועקגעזעצט נעבען זיך און מכבד געוועזן מיט אַ באָקאַל שאַמפּאַניער....

II

ביכער.

זי איז געווען הויך, שלאַנק און שעהן, איבערהויפּט — שעהן! אויסער איהר שעהנקייט האָט זי געהאַט אַ בעזונדער צוציהונגס־קראַפט. אין וואָס איז עס בעשטאַנען איז געווען שווער צו בע־שטימען: צי אין ליעבען, איינגעהאַלטענעם שמייכעל, אין די פיינע מאַניערען, אין קלינגענדען העלען קול.

הויך און שלאַנק און שעהן — האָט זי אויסגעזעהען מאַיעס־טעטיש. אָבוואָהל זי האָט זיך געהאַלטען איינפאַך, האָט דאָך קיינער פון איהרע פיעלע פערעהרער נישט געוואַגט ארויסווייזען איהר אַ צייכען פון צו נאָהענטער בעציהונג. אַ מעהר דרייסטער פערעהרער פלעגט נאָר, אין בעזונדערע מינוטען פון ענטציקען, אויף איהר וואַרפען אַ דרינגענדען בליק, אויף וואָס זי פלעגט ענטפערען צוריק מיט אַ שטרענגען, שטומען פאָרוואורף, ווי זי וואָלט מיט דעם געוואָלט וואָרענען:

— אזוי קוקט מען ניט!

אין איהר אַנוועזענהייט האָט דער סאַמע דרייסטער יונגערמאַן פערלאָרען זיין דרייסטקייט, און דער גרעסטער דאָן־זשואַן פלעגט ניט וואַגען איהר מאַכען אַ קאָמפּלימענט, זאָגאָר קיין וואונק אויף אַ קאָמפּלימענט.

זי איז געווען געבילדעט, און אין איהר אַנוועזענהייט האָט מען גערעדט וועגען ליטעראַטור, קונסט און טעאַטער, מאַנכמאָל אויך וועגען פּאָליטיק. האָטש זי איז געווען ראַדיקאַל געשטימט, האָבען דאָך די פּאָליטישע און פילאָזאָפישע געשפרעכען, וואָס פלעגען פאָרקומען אין איהר נאָבעלען אויסגעפּוצטען צימער, נישט געטראָגען קיין היציגען כאַראַקטער, עס איז געווען מעהר קאַבינעט־געשפרעך

איידער דעבאַטען, אָדער דיסקוסיאָנען! איהר אנוועזענהייט האָט רוהיג און געמיטליך געשטימט די געסט.

ווי געזאָגט, האָט זי געהאַט פיעל פערעהרער און בעקאַנטע. דער גרעסטער טייל האָבען זי טיעף און ריהרענד געליעבט. מאַנכע פון זיי האָבען זייערע ליעבעס־געפיהלען אין ליעדער אויסגעדריקט. טייל ליעדער, אין אַ זעהר רוהיגען טאָן געשריבען, פלעגען איהר די פערעהרער אין איהר אַלבום אריינטראָגען. אָבער ווייטער פון דעם איז קיין פערעהרער און פערליעבטער ניט געגאַנגען — איהר האַלטען זיך מיט יעדען פון זיי איז געווען אַזאַ, וואָס האָט ניט געמאַכט קיין וועג צוצוטרעטען נעהענטער צו איהר. איהר שלאַנקע פיגור, איהר גאָלדענע, אין דער אויפמערקזאַמסטער אָרדנונג פער־קעמטע, פריזור, האָט ווי געוואָרענט: נאָר נישט צו נאָהענט! און ווירקליך איז קיין מעגליכקייט געווען צוצוגעהן נאָהענט צו איהר. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווען מען זאָל זי נאָר איין קוש געבען, וואָלט פאָרגעקומען דער גרעסטער וואונדער אין דער גאַנ־צער אָרדנונג פון דער וועלט.

יעדען יאָהר האָט זי געפייערט איהר געבורטסטאָג. די פער־עהרער האָבען איהר צום אַנדענקען ביכער געשענקט; ביכער — וואו עס דערצעהלט זיך און וואו עס ווערט בעזונגען די ליעבע, און די לוסט, און די פרייד פון לעבען. די דאָזיגע ביכער האָט זי געהיט און טייער געהאַלטען מעהר פון אַלץ. אין פערלויף פון עטליכע יאָהר האָט זיך ביי איהר אָנגעזאַמעלט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון אַזוינע ביכער. זיי זיינען געווען אויסגעלעגט אין דער גרעסטער אָרדנונג אין אַ שעהנער עטאַזשערקע און האָבען פון דאָרט ערנסט ארויסגעקוקט און געהיט די אייגענטימערין פון אַל דאָס בייז....

די יאָהרען זיינען שטיל און ארטיג, ווי איהר לעבען, געפלאָסען. אונבעמערקט פאַר איהר, זיינען די פערעהרער ווייניגער געוואָרען. זי האָט דאָס צוגעשריבען דער נייער צייט, וועלכע איז ניט מסוגל פאַר אַזוינע רוהיגע אָנגענעהמע צוזאַמענקינפטע, ווי אין די פריי־הערדיגע פאַר יאָהר. זי האָט דאָס בעדויערט, אָבער ניט חושד געווען אַז שולדיג אין דעם איז איהר הערבסט....

איהר געבורטסטאג האט זי נאך אלץ געפייערט, אבער שוין אהן אזא אינהאלט ווי אמאל. די פאר ביכער, וואס זי האט בע־קומען צום לעצטען געבורטס־טאג, זיינען געווען קליין און דאר אי־נערליך און אויסערליך. זי האט זיי אוועקגעלעגט גאנץ אונטען אין דער עטאזשערקע און האט בעזונדערס פריינדליך צו איינעם פון די געסט זיך געווענדעט:

— איך וואלט איצט וועלען ערגיץ געהן!

פון די עטליכע האט זיך נאר איין גאסט אבגערופען:

— קומט אביסעל.

די איבעריגע האבען געזאגט, אז זיי זיינען פערנומען, און האבען קאלט אבשיעד גענומען.

דעם איינעם האט זי אויף דער גאס גענומען אונטער'ן ארים און ליעב ארייגגעקוקט אין די אויגען.

ער האט איהר אבגעענטפערט מיט'ן זעלבען בליק. זי אבער האט זיך בעליידיגט און אינסטינקטיוו איהר האנד ארויסגעצויגען.

זי האט א ווייל געשוויגען, ענדליך האט זי אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, און דערזעהענדיג ארבקויקלען זיך פון דארט א שטערען, האט זי ווי פערוואונדערט אויסגערופען:

— אה, ווי ער איז אראבגעפאלען, דער שטערען.

— און פערלאשען געווארען! — האט דער אמאליגער פער־עהרער צוגעגעבען.

דאס לעצטע יאהר האט זי איהר געבורטסטאג ניט געפייערט. עס איז קיינער נישט געקומען. עס איז געווען א ווינטער נאכט. דער ווינד האט אין פענסטער געקלאפט און ווי עפעס דערצעהלט...

עס איז איהר געווארען טרויעריג און באנג. זי האט ארויס־גענומען א בוך פון די געשענקטע צו די געבורטסטעג איהרע, און גענומען לעזען.

דאס בוך האט גערעדט פון זומער־נעכט, קוסען און ליעבע. זי האט דורשטיג געשלונגען יעדעס ווארט.

און דער ווינד האט דורכ'ן פענסטער געלאכט און געלאכט:

— דו האסט דערפון ניט געוואוסט, נישט געוואוסט!

און זי האָט זיך געשעמט פאַר דאָס בוך, האָט עס פערמאַכט, און קוקענדיג אויף דער עטאַזשערקע ביכער, האָט זי געטראַכט:

— מעהר ווי דאָס האָט מיר מיין שעהנהייט ניט געגעבען....

מיט א לייכטער אויפרעגונג ,האָט זי זיך אָנגעצויגען און זיך געקליבען געהן ערגעץ — געהן צום לעבען מיט אַ בעזוף.... די נאַכט איז אָבער קאַלט און פינסטער געווען, און זי האָט זיך אויסגעטהון און זיך גענומען מיט אַ זיפץ צוריק צום בוך.

III

דער הייליגער.

א שווערע צייט איז דאמאלס אין דער אָרגאַניזאַציע געווען. מען האָט געדאַרפט איבערפיהרען „ליטעראַטור" אין די אָרומיגע שטעדטלעך און מען האָט איינעם נאָכ'ן אַנדערען אַרעסטירט אויף די וואָקזאַלען. עס האָט ניט געהאָלפען קיין שום קאָנספּיראַציע, פּונקט ווי די מיאוסע זשאַנדאַרען וואָלטען אין הימעל אַ שר געהאַט און יענער וואָלט אַלץ אויסגעזאָגט.

נאָכדעם ווי מען האָט אַ פינף חברים אַרעסטירט, האָט די אָרטיגע אָרגאַניזאַציע געמאַכט אַ פערזאַמלונג צו בעטראַכטען אַן עצה.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס גאַנצע אומגליק בעשטעהט אין דעם, וואָס יעדער חבר גיט זיך אַליין אַרויס מיט זיין אויסזעהען און מיט זיין הילוך, און מען האָט אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז בשעת מען פיהרט „ליטעראַטור", מוז מען מתיר מאַכען און אָנ־שטאָט אַ בלוזע טראָגען אַ ווייסע מאַנישקע מיט אַ קראַגען.

מען האָט גלייך איינעם פון די געוואַקסען געשיקט אין אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט צו קויפען אַ פּאַפּירענע מאַנישקע מיט אַ פּאַפּירענעם קראַגען און מען האָט געוואָרפען גורל ווער עס זאָל עס אָנטהאָן לשם קאָנספּיראַציע.

דער גורל איז אויסגעפאַלען אויף חיים „דעם אינטעליגענט".

— אוי וועה! — האָט ער אויסגעשריען, דערהערענדיג דעם פינסטערען גורל, און מיט אַ מינע פון אַ פער'משפּט'ען, האָט ער זיך גענומען אָנטהאָן די מאַנישקע מיט'ן קראַגען.

נאַטירליך איז עס ביי איהם ניט אַזוי גוט געגאַנגען, און דריי חברים זיינען איהם געקומען צו הילף.

נאכדעם ווי ער איז שוין געשטאנען אנגעטהאָן און האָט אויס־געזעהען ווי א חתן, האָט דער עולם איהם בעטראכט.

— צינד וועט מען איהם ניט ארעסטירען! — האָט איינער געזאָגט. ער זעהט אויס ווי א בעל־הבתי׳ש בחור׳ל.

— צו מאָגער זעהט ער אָבער אויס, — האָט א צווייטער בע־מערקט. — דאָס איז אויך זעהר פערדעכטיג.

— נו, דערצו איז שוין קיין מיטעל ניטאָ! — האָט א צוויי־טער געענטפערט.

דער פּאָרזיצענדער האָט אָבער דארויף זיך אָבגערופען:

— מיר דאכט, אז עס וואָלט געווען צוועקמעסיג צו האָבען אין דער אָרגאניזאציע א מיטגליעד, וואָס זאָל אין גאנצען אויסזעהען ווי א בורזשוי. מיט אזא וואָלט שוין קיין דורכפאל ביים איבערפיהרען ליטעראטור ניט געשעהן.

— וואו־זשע נעהמט מען א בורזשוי צווישען אונז — האָט איינער טיעפזיניג געפרעגט.

און א צווייטער האָט איבערגעשלאָגען:

— וואָס הייסט, וואו נעהמט מען? און אז דו וועסט יא נעהמען, וואָס טויג אונז א בורזשוי? ווי קען מען א בורזשוי אָנ־טרויען קאָנספּיראציע?

דאן האָט דער פּאָרזיצענדער ערקלערט:

— מען מיינט ניט, נאטירליך, קיין בורזשוי ממש. מען דארף נור האָבען אזא, וואָס זעהט אויס ווי א בורזשוי. אָבער, נאטירליך, דארף ער זיין אונזערער א טרייער פּארטיימאן. אזוי ווי אָבער ביי אונז זיינען קיין בורזשויען ניטאָ, דארף מען אזא מין זעהן אויס־ארבייטען, פּראָדוצירען, הייסט עס.

די איבעריגע מיטגליעדער האָבען דעם פּאָרזיצענדען ערשטוינט אָנגעקוקט.

— וואָס הייסט?

דער פּאָרזיצענדער האָט ערקלעהרט:

— די זאַך איז איינפאך. מיר מוזען האָבען אזא מיטגליעד

אין אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען פראנק און פריי אָרומ־פאָהרען איבער די באַהנען, זיך געפינען אויף פערשיעדענע וואָק־זאַלען און זאָל האָבען אַ מאָוס אויסזעהן, דאָס הייסט אַן אויסזעהן פון אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר....

— פוי! — האָבען די מיטגליעדער אויסגעשפּיגען.

— פוי הייַנט, פוי מאָרגען! מען מוז! אַנדערש קען מען ניט טראַנספּאָרטירען קיין ליטעראַטור. די פראַגע איז אָבער, ווי אַזוי ערציהט מען אַזאַ מין נפש? אום אויסצוזעהן ווי אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר דאַרף מען האָבען אַן אָבגעגעסענעם פּנים, דערצו פאָ־דערט זיך עסען אַלע טאָג אַ גוטען מיטאַג. הייַנט פרעגט זיך, צי וועט זיך געפינען צווישען אונז אַזאַ מאָוסע בריה וואָס וועט זיך ערלויבען, אין דער צייט ווען ארבייטער הונגערן און לעבען אין דחקות, זיך אַנטהאָן וואָוילטאָג, כדי צו בעקומען אַ פּאָר שעהנע באַקען.

— געוויס ניט!... — האָבען אַלע ווי איינער אויסגעשאָסען.

— און דערצו — האָט דער פּאָרזיצענדער פאָרטגעזעצט, — פאָדערט זיך נאָך צו רויכערן אַ גוטען סיגאַר, שטעהען אין אַ ליכ־טיגען רייכען צימער אין אַ האָטעל. געפינענדיג זיך אויפ׳ן וואָקזאַל, מוז מען שטענדיג זיצען אין ערשטען קלאַס צווישען גראָבע, אָב־געגעסענע בורזשויען...

— אוי, ווי עקעלהאַפט! — האָבען אַלע חברים אויסגעשאָסען.

— אויסער דעם — האָט דער פּאָרזיצענדער ווייטער גע־דראָהט, — מוז מען אויף יעדען אָרים־געקליידעטען, אויף יעדען הונגעריגען קוקען פון אויבען אַראָב, מיט פעראַכטונג.

— ניין, פאַר קיין פאַל ניט! — האָבען אַלע בייז אויסגעשריען.

— אַלזאָ, געפינט זיך צווישען אייך קיינער ניט, וואָס וויל זיך אונטערנעהמען שפּיעלען די דאָזיגע ראָלע?

— קיינער ניט! — האָבען אַלע ווי איינער געענטפערט....

נור פּלוצים האָט זיך איינער אויפגעשטעלט און מיט פרום־פער־גלאָצטע אויגען האָט ער געזאָגט:

— איך טהו עס פון דער פּאַרטיי וועגען... איך נעהם אָן דעם פאָרשלאָג צו לעבען אַ גוטען טאָג....

די מיטגליעדער האָבען זיך איבערגעקוקט און איינער דעם אנדערן האָט אויסגעדריקט זיינע התפּעלות פון אזא חבר, וואָס וויל זיך אזוי ווייט אויפּאָפּפערן פאר דער הייליגער אידעע, און ער איז געוואָרען פערערעכנט פאר אַ הייליגען....

IV

די בענגעניש.

דעם יונגען מאַן ב. האָט מען מיר פאָרגעשטעלט, אַלס אַ מוס־טער פון אַ זעלטענעם עהרליכען און גוט־ערצויגענעם מענשען. איך האָב מיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט איהם. איך האָב בעשלאָסען מיט איהם חבר צו ווערען.

איך האָב איהם בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און האָב בע־מערקט, אַז ער איז ווירקליך אַ זעהר נאָבעלער מאַן. איבערהויפּט זיינען מיר געפעלען געוואָרען זיינע רויטע בעקעלאַך און דער גלאַ־טער ניט געקנייטשטער שטערן.

אַזאַ מענשען האָב איך געוואָלט אַרויסווייזען מיין אויפמערק־זאַמקייט. איך האָב אַרויסגענומען מיין פּאָרטסיגאַר און האָב איהם געוואָלט מכבד זיין מיט אַ פּאַפּיראָס.

— דאַנקע! — האָט ער העפליך זיך פערנייגט — איך רוי־כער ניט. און גלייך נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ פושקעלע פון טאַש, אויפגעעפענט און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ קליינע מיענטע קייקעלע און אַריינגעלייגט עס אין זיין מויל. איך האָב פאַרשעמט אַרויסגענומען אַ סיגאַרעטעל פאַר מיר אַליין, פעררוי־כערט און ניט געוואוסט וואָס צו רעדען.

מיר זיינען פאַרביי אַ קאַפּע־הויז. מיר האָט זיך געוואָלט אַרויסווייזען מיין אויפגעלעגטקייט צום נייעם חבר. איך האָב איהם איינגעלאַדען אַריינצוגעהן.

— מיט פערגניגען! האָט ער איינגעשטימט.

מיר האָבען זיך געזעצט ביי אַ טישעל.

עס איז צוגעגאַנגען אַ קעלנער.

— צוויי קאַפּע! האָב איך בעשטעלט.

— ניין! ניין! האָט ער זיך אָנגעכאַפּט! פאַר מיר מילך! מילך!

איך האָב געטרונקען מיין קאַפע, ער האָט געטרונקען זיין מילך...

קעגנאיבער האָב איך בעמערקט אַ שענע פרוי. איך האָב איהם געמאַכט אויפמערקזאַם...

— זעהט וועלכע אויגען!

ער האָט טרוקען בעמערקט:

— צו וואָס איז דאָס קוקען — עס איז נאָר אַן ענמת נפש און ס'קאָסט געזונד...

און מיין נאָבעלער נייער בעקאַנטער האָט אפילו ניט געוואָלט אויפהויבען דעם קאָפּ אין יענער זייט, וואו די דאַמע איז געזעסען.

נאָכ'ן אָבטרינקען, איך מיין קאַפע און ער זיין מילך, האָב איך געבעטען ביין קעלנער אַ צייטונג פאַר מיר און פאַר'ן הערן ב.

— אַך, איהר רעכענט דען דאָ לאַנג צו זיצען? האָט ער זיך אָנגעכאַפּט, אויפשטעלענדיג זיך. איך וואָלט שוין וועלען געהן.

ווארום, דאָ איז דאָך גאַנץ אַנגענעהם צו זיצען, האָב איך איהם געוואָלט פערהאַלטען.

— עס איז אונגעזונד, זעהר שעדליך אין אַזעלכע פּלעצער לאַנג צו זיצען: די לופט איז דאָ זעהר פערדאָרבען...

איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און האָב בעצאָהלט פאַר מיין קאַפע און זיין מילך און בין אַרויס מיט איהם אויפ'ן גאַס.

— וואָלט איהר ניט געווען אַ בעלן אַמאָל אַריינצוגעהן דאָ אין „אילוזיאָן“, דאָ ווייזט מען זעהר שענע בילדער. האָב איך פאָרגע־לעגט מיין נייעם בעקאַנטען.

— אַך, וואָס רעדט איהר! האָט ער זיך ווי דערשראָקען — איהר ווילט מיר קאַליע מאַכען די אויגען... די דאָזיגע בילדער זע־נען זעהר שעדליך פאַר דער ראיה...

— וואוהין דען וואָלט איהר איצט געווען אַ בעלן? האָב איך איהם געפרעגט.

— איצט?.. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין זייגעריל וועלכעס איז געלעגען איינגעוויקעלט אין אַ רימענעם בייטעלע, עס אויפגע־

עפענט און בעטראַכטענדיג גענוי די צייט האָט ער ווי דערשראָקען אויסגערופען:

— שוין האַלב צעהן... פונקט צעהן געה איך שלאָפען... ווילט איהר, פעטערקע, לאַנג לעבען, — האָט ער מיר ארויפגעלעגט זיין האַנד אויפ'ן פּלייצע, — זאָלט איהר שטענדיג געהן צעהן אַ זייגער שלאָפען...

איך האָב אָנגעקוקט מיין נייעם בעקאַנטען; זיינע רויטע בעקעלאַך האָבען ווי געבליהט, נאָר אין די אויגען איז געלעגען די קעלט פון טויט... עס האָט מיך אַ שוידער געטהאָן.

— ענטשולדיגט, האָב איך איהם בעמערקט — איך האָב מיך עפּעס דערמאָנט... און דערלאַנגענדיג איהם שנעל די האַנד, האָב איך זיך פלינק אָבגעטראָגען, און בין געפלויגען ווי איינער ענטלויפט פון דעם טויט...

איך בין אַוועק צוריק אין קאַפע־הויז: געהייסען דערלאַנגען אַ שוואַרצע קאַפע, פערדרויכערט אַ סיגאַר, גענומען אַ פּאָר אילוסטרירטע צייטונגען און שפּעטער אביסעל האָב איך זיך צוגערוקט צו דער שענער דאַמע און האָב מיט איהר געפּלוידערט ביז 12 אַ זייגער...

און די גאַנצע יענע נאַכט האָב איך געהאַט דאָס געפיהל ווי איך וואָלט זיך געראַטעוועט פון עפּעס אַ מיאוסען טויט און האָבן געטהאָן אַלערליי סגולות, צו וואַכען און לעבען...

אַ, געבענשט זאָל זיין דאָס לעבען...

V

מיין חבר.

ער איז געווען אַליין אין דער וועלט, אויסער מיך אַלס חבר האָט ער קיינעם ניט געהאַט. מיט מיר איז ער אָבער אויך ניט זיכער געווען. איך האָב אויסער איהם אויך אַנדערע פריינד געהאַט. ער איז געווען אויף זיי אייפערזיכטיג, אָבער ער האָט זיי קיינעם נישט בעליידיגט מיט א וואָרט.

ער פלעגט מיר אַמאָל זאָגען: ווען איך שטאַרב בלייבט מיין געדעכניש בלויז אין אייער קאָפּ. און אַז איהר וועט שטאַרבען, בלייבט שוין גאָר קיין זכר ניט פון מיר.

נאָך דעם פלעגט ער מאָדנע שמייכלען, בלייבען שטיל א ווײלע און אויסשטעלענדיג די אויגען אויף מיר, צוגעבען:

— דאָס איז שרעקליך! אמת!

אַמאָל פלעגט ער צווייפלען, אויב אַפילו איך וועל זיין אַנ־דענקען האַלטען אין מיין קאָפּ און דערפאַר פלעגט ער מיר געבען אָפט ביכער מיט'ן אויפשריפט: צום אייביגען אַנדענקען....

די אויפשריפטען פלעגט ער שרייבען מיט גוטען טינט. טיעף איינגעקריצט די ווערטער אין פאַפּיער אריין. איך האָב עס דייט־ליך געמערקט.

נאכהער האָט ער אויך דארין אָנגעהויבען צו צווייפלען: ווי לאַנג קען לעבען א בוך!

האָט ער זיך אָנגעהויבען פאַר דאָס לעצטע געלד פאָטאָגראַפירען און פון יעדער פּאָזע מיר א פּאָרטרעט געשענקט מיט'ן אויפשריפט: צום אייביגען אַנדענקען!

אָפט פלעגט ער מיך רעווידירען:

— וואו האָסטו מיינע פאָטאָגראַפיעס?

דערביי פלעגט ער אויסזעהען שטרענג און פאַרשעמט.

און ווען איך פלעג איהם ווייזען זיי אין דער בעסטער אָרד־נונג, פלעגט ער זיך אַביסעל בערוהיגען און פלעגט מורמלען:

— היט ז י י!

איינמאָל האָט ער מיך פלוצים געפרעגט:

— ווי לאַנג, דענקסטו, קען לעבען אַ בוים?

— אַ בוים? — האָב איך איבערגעפרעגט פערוואונדערט פון זיין פראגע, — איך בין קיין באָטאַניקער ניט....

— אַ דעמב, למשל, אַ גרויסער דעמב? — האָט ער ווייטער געפרעגט און געקוקט אויף מיר מאָדנע.

— אַ דעמב?... אַ דעמב קען לעבען אַ יאָהר טויזענד.... — האָב איך איהם סתם אַ זאָג געטהאָן.

— טויזענד יאָהר! — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט און זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט. — אויב אַזוי....

— איז וואָס? — האָב איך מיר געוואונדערט...

ער האָט מיר אָבער ניט ערקלערט.

אין אַ וואָך אַרום האָבען מירביידע געשפּאַצירט אין וואַלד, ער איז געגאַנגען פאָראויס שטום און בעקוקט די ביימער.

— איך וואָלט געוועהן אַ בעלן אָנצוקוקען אַ דעמב....

— קיין דעמבעס זעהען זיך עפּעס ניט... — האָב איך בע־מערקט.

— קום, העלף מיר זוכען אַ דעמב... — האָט ער זיך ווי געבעטען.

מיר זיינען געגאַנגען אַלץ ווייטער אין וואַלד, ענדליך האָט ער אויסגעשריען ווילד פאַר שמחה:

— אָט איז אַ דעמב!

— יאָ, דאָס זעהט אויס אַ דעמב! — האָב איך מסכים געווען.

ער האָט די בוים בעטראַכט פון אַלע זייטען, ארומגענומען מיט ביידע הענד דעם דיקען שטאַם און זיך אָנגעלעהנט פערטראַכט. און באַלד האָט ער ארויסגענומען אַ קליין מעסעריל פון טאַש.

— וואָס ווילסטו טהאָן?

ער האָט מאָדנע געשמייכעלט און געענטפערט:

— איך וויל דאָ אויסקריצען מיין נאָמען...

און טיעף אין בוים האָט ער יעדען אות פון זיין נאָמען איינ־געשניטען.

נאָכדעם האָט ער אָבגעווישט דעם שוויים פון שטערן, וואָס די ארבייט האָט ביי איהם ארויסגערופען און זיך געווענדעט צו מיר:

— מיינסטו ווירקליך אז דער דעמב קען לעבען טויזענד יאָהר?

— אויב א דונער וועט איהם ניט איינשלאָגען... — האָב איך קורץ געענטפערט.

זיין געזיכט איז געוואָרען בלאַס ווי קרייד, און ער האָט קוים געקענט אויסריידען:

— קום!

מיר האָבען פערלאָזען דעם בוים און זיינען געגאנגען שוויי־גענדיג איבער'ן אַלטען געדיכטען וואלד, וועלכער האָט מרה שחורה'דיג גערוישט.

אין א פּאָר וואָכען ארום האָט ער מיר וויעדער געבראַכט אַ בילד מיט'ן אַלטען אויפשריפט:

צום אייביגען אנדענקען!

VI

דאָס גאָלדענע טראָמפּייטעל.

דאָס איז געווען אַ אינגעלע פון קנאַפּע דריי יאָהר, מיט בלאָהע אויגעלאך און גאָלדענע הערעלעך — און אַלץ האָט אין איהם גע־טרוימט: די אויגעלעך, דאָס קעפּעלע און דאָס הערצעלע. ער האָט אין גאנצען אויסגעזעהען ווי אַ טרוים, ווי אַ בלאָנדער, הימעלדיגער טרוים.

ווער האָט דען ניט ליעב שעהנע טרוימען — בפרט איך! און דאָס גאָלדען אינגעלע, דאָס דריי־יאָהריגע קינד האָב איך זעהר, זעהר ליעב געהאַט. און אַלץ האָב איך איהם נאָכגעגעבען — אפילו מעשה׳לעך פאר איהם אויסגעטראַכט.

און דאָס קינד האָט די מעשה׳לעך שטארק ליעב געהאַט. נאָר מעהר פון אַלץ האָט עס די לעצטע צייט ליעב געקראָגען די מעשה׳לע מיט׳ן גאָלדענעם טראָמפּייטעל.

עס איז געווען אַ קורצע און איינפאכע מעשה׳לע, וואָס איך האָב ספּעציעל פאר איהם אַליין פערפאַסט.

אַ קורצע, קליינע איינפאכע מעשה׳לע.

דאָס מעשה׳לע מיט׳ן גאָלדענעם טראָמפּייטעל.

אָנגעהויבען האָט עס זיך אַזוי:

אויפ׳ן מארק איז דאָ אַ קרעמעלע, אין קרעמעלע איז דאָ אַ גאָלדען טראָמפּייטעלע. שלאָף, מישינקע, שלאָף, איך וועל מאָרגען מיט מישינקע׳ן אין מארק אריין גהען און דאָס גאָלדענע טראָמ־פּייטעלע קויפען און מישינקע וועט אויף איהם שפּיעלען....

אַ שעהנע מעשה?

ער פלעגט זיינע גרויסע בלויע אויגעלעך אויף מיר אויסשטעלען און שטארק בעגייסטערט פון דעם גליק, וואָס איהם שטעהט פאָר, פלעגט ער ענטפערען:

— א שעהנע מעשה!

אויף מאָרגען פלעג איך איהם ווידער דאָס מעשה'לע מיט'ן גאָלדענעם טראָמפּייטעל דערצעהלען. אויף איבערמאָרגען ווידער.

אז עס איז פאָראיבער געגאנגען א וואָך צייט און דעם טראָמ־פּייטעל האָב איך איהם אלץ ניט געקויפט, האָב איך איהם אָנגע־הויבען אַן אַנדער מעשה'לע צו דערצעהלען. צו לאַנג נאַרען איהם האָט זיך מיר ניט געוואָלט; איך האָב קיין הארץ ניט געהאט אזוי לאַנג א קינד צו נאַרען, און האָב פאַר איהם אויסגעטראַכט א נייע מעשה.לע נאָך מיין מיינונג, א פיעל שעהנערע. דאָס קינד האָט אָבער געמאָהנט דאָס מעשה'לע מיט'ן גאָלדענעם טראָמפּייטעל.

און איך האָב עס איהם ווידער דערצעהלט.

און ער האָט ווידער אויסגעהערט, אויסשטעלענדיג אויף מיר די בלאָהע אויגעלעך און אין זיין יונגער ריינער פאַנטאזיע זיך פאַר־געשטעלט דאָס גאָלדענע טראָמפּייטעל, וועלכען ער וועט זיכער בע־קומען און וועט אזוי גליקליך זיין.

און דאָס מעשה'לע האָט זיך ווידערהאָלט לאַנג, לאַנג, און דאָס קינד האָט עס מיט'ן זעלבען גלויבען אויסגעהערט און קיין אַנ־דערע מעשה'לעך הערען ניט געוואָלט.

ענדליך איז מיר נמאס געוואָרען דאָס דאָזיגע ליעבע קינד צו נאַרען. עס קען פערלירען דאָס צוטרויען צו מיר און דאן וועל איך ניט האָבען קיין מיטעל מיט וואָס צו פערשלעפערען איהם...

בין איך אויף מאָרגען אוועק מיט איהם אין מארק אריין, אריין אין א געוועלב פון שפּיעלצייג און א טראָמפּייטעלע פאַר צעהן קאָפּיקעס איהם געקויפט. דאָס טראָמפּייטעלע האָט געפינקעלט, ווי עכטע גאָלד, כאָטש געווען איז דאָס, נאַטירליך, ניט קיין גאָלדענע.

— א שעהן טראָמפּייטעל, מישינקע?

— א שעהנס! — האָט ער געענטפערט, אריינגעהמענדיג דעם מונדשטיק אין זיין מיילכעלע און אָנגעהויבען ארויסצולאָזען אויף איהם פערשיעדענע טענער.

א פּאָר שעה האָט זיך דאָס קינד געשפּיעלט מיט'ן טראָמ־

פייטעל. אָבער פאר'ן שלאָפען געהן האָט ער עס אַ שמיץ געטהאָן און צובראָכען....

— דערצעהלען דיר, מישינקע, אַ מעשה'לע? — האָב איך געפרעגט, נאכדעם ווי ער האָט זיך אין זיין בעטעלע געלעגט...

— יא, דערצעהל! — האָט ער אויף מיר ווי מיט געבעט אויס־געשטעלט זיינע בלאָהע אויגעלעך און געקוקט אויף מיר ווי מיט חשד...

— דערצעהלען דיר די מעשה מיט'ן גאָלדענעם טראָמפּייטעל?

דאָס קינד האָט קאַפּריזנע גענומען שאָקלען דאָס קעפּעלע אין ביידע זייטען אויף ניין!

— וויל ניט מיט'ן טראָמפּייטעל....

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין פאנטאזיע און געזוכט דאָרט עפּעס אַ נייע מעשה'לע דאָס ליעבע קינד צו פערשלעפּערען. עס האָט מיר אָבער שוואַך געלונגען, דאָס קינד האָט געהאַלטען אָפען די אויגעלעך און צוגעהערט זיך צו די מעשה'לעך אָהן צוטרויען.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף דער ערד און האָב דערזעהען דאָס טראָמפּייטעל ליעגען צובראָכען און האָב אין הארצען חרטה געהאַט וואָס איך האָב דאָס טראָמפּייטעל געקויפט.

וואָלט איך עס ניט געקויפט פאר איהם, און ער וואָלט עס ניט געזעהען, וואָלט איך דעם קינד נאָך לאַנג, לאַנג דאָס מעשה'לע געקענט דערצעהלען און לאַנג, לאַנג וואָלט ער געטרוימט פון דעם...

יעצט אָבער ליגט דאָס טראָמפּייטעל צובראָכען, און איך האָב ניט קיין אַנדער מעשה'לע פאר'ן ליעבען, שעהנעם קינד...

VII

די לשון קודש'דיגע.

הומאָריסטישער ראָמאַן.

1.

ער איז געווען אַ ציוניסט און אַ לעהרער פון לשון־קדש. זי איז געווען סתם אַ בעל הבית'יש מיידעל. אויך אַ ציוניסטקע אין האָט אויך געקענט לשון־קדש, כאָטש קיין לעהרערין איז זי ניט געווען.

בעקענט האָבען זיי זיך אויף דער ערשטער פערזאַמלונג פון דער חברה „דוברי עברית".

קיין שעהנע מיידעל איז זי ניט געווען, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען אַ ציוניסט און אַ העברעאישער לעהרער האָט ער אויף שעהנ־קייט ניט געקוקט. ער איז געוואָרען ענטציקט פון איהר לשון־קדש רעדען.

— העלמה דוברת צחות בשפת קדשנו — האָט ער איהר גע־מאַכט אַ קאָמפּלימענט.

זי איז רויט געוואָרען און האָט געענטפערט:

— גם האדון דובר צחות בהשפה היחידה והשרידה...

2.

זיי האָבען זיך פערליעבט און האָבען אַ נדר גענומען צו רעדען שטענדיג לשון־קדש. צו זייער דיענסט איז געווען דער שיר השירים. גאַנצע פסוקים פלעגען זיי ניט קארגען, אויסצודריקען זייער ליעבע איינער צו דעם אַנדערען.

ביז אין אַ העלען פריהמאָרגען האָט זיך דער שיר השירים אין גאַנצען אויסגענומען...

האָבען זיי אָנגעהויבען אויף דאָס ניי.
ביז דער שיר השירים האָט זיך אַ צווייטען מאָל אויסגענומען.
האָבען זיי ווידער אָנגעהויבען אויף דאָס ניי.
— לבבתיני אחותי כלה באחת מעיניך! — פלעגט ער איהר זאָגען.
— דודי צח ואדום! פלעגט זי איהם ענטפערען.
— שובי, שובי השולמית! פלעגט ער זי אמאָל רופען.
— אני לדודי ודודי לי! פלעגט זי איהם ענטפערען.
אזוי האָבען זיי זיך אויסגעלערנט דעם גאַנצען שיר השירים אויף אויסווייניג...

3.

זיי האָבען חתונה געהאַט — און האָבען געגעסען קעסט ביי איהרע עלטערען.
דעם שיר השירים האָבען זיי נאר גענוצט דעם ערשטען מאָנאַט.
שפּעטער האָבען זיי שוין גערעדט מיט'ן לשון פון אהבת ציון, אשמת שומרון.
נאָך שפּעטער האָבען זיי גענוצט דעם חומש.
זיי זיינען אראָב פון קעסט.
די לשון קדש'דיגע ווייבעל האָט זיך געמוזט נעהמען אליין פיהרען דאָס הויז.
דעם לעהרער פלעגט קומען שפּעט. נאָך דער חתונה האָט ער געמוזט נעהמען מעהר אוראָקען.
— הנני רעב ככלב... פלעגט ער אויסרופען אביסעל בייז.
— אוי ואבוי לי! פלעגט זי איהם מיט אנטהייל ענטפערען.

4.

עס איז פערגאַנגען אַ יאָהר.
ער האָט ליעב געהאַט בעבלאָך, האָט ער אָבער ניט געוואוסט ווי אזוי זאָגט מען אויף לשון־קדש בעבלאָך. האָט ער נעביך גע־

מוזט עסען אַלע טאָג פעריל־גרויפּען. איינמאָל האָט ער זיך פער־
לאָזען אויף גאָט'ס בעראָט און האָט איהר געזאָגט:

— עשי מטעמים כאשר אהבתי!

און אז זי האָט איהם געפרעגט וואָס? האָט ער געענטפערט:

— לפת.

איהר האָט מען אמאָל געטייטשט: לפת — מעהרען. האָט זי
איהם געמאַכט אַ מעהרען־צימעס.

ער איז געוואָרען בייז.

— בחול מעהרען־צימעס!.. לאַ נאה...

— הלא אמרת לפת! האָט זי זיך געוואונדערט.

— לפת!.. לפת!.. הלא לפת בעבליך בלע"ז...

האָט זי אָבער גע'טענה'ט, אז לפת איז מעהרען.

ער איז בייז געוואָרען. סטייטש, ער איז אַ העברעאישער לעה־
רער, קומט זי און מאַכט איהם פאַר אַן עם־הארץ! און ער האָט דעם
ערשטען מאָל אויסגעשריען מיט אַ פסוק פון איוב (ביז אַהער האָט
ער איוב קיינמאָל ניט גענוצט).

דער פסוק איז געווען אַ הארבער. אַלענפאַלס נאָך שיר השירים
האָט ער שלעכט געקלונגען. זי האָט איהם געוואָלט אויסזידלען האָט
זי ניט געוואוסט ווי אַזוי מען זידעלט אויף לשון־קדש. האָט זי אַ
געשריי געטהאָן מאַמע לשון:

— ביזט אַ שטיקעל משוגענער.

— און דו ביזט אַ נארישע אידענע.

פון דאַמאָלס אָן רעדען זיי אידיש...

VIII

אייפערזכט.

ער איז געווען א שריפטשטעלער און זי א געוועהנליך מיידעל, זיינע א לעזערין און א פערעהרערין.

און דאך האט ער זיך געפיהלט אין איהר געגענווארט ווי דער־שלאגען און איז ניט געווען דרייסט צו זאגען איהר דאס, וואס ער האט איהר שוין אזוי לאנג געוואלט זאגען...

זי האט געלעזען זיינע ווערק און האט איהם געקענט און פער־שטאנען; געוואוסט אלע פערלאנגען זיינע, אלע זיינע שטימונגען, האפנונגען און ענטוישונגען.

ער האט געלעזען איהרע אויגען. צוויי שווארצע אויגען, שטענ־דיג אפענע, ריינע, שפיגעלדיגע. און דאך האט ער קיינמאל ניט געקענט דורכלעזען דארט קיין אייןווארט וועגען איהר.

וואס טראכט זי, וואס וויל זי און וועמען האט זי ליעב?

דער עיקר — וועמען האט זי ליעב, זיין פערעהרערין?...

איינמאל, שפאצירענדיג מיט איהר וויט, הינטער'ן שטאדט ארוים, האט ער זי פלוצלונג, ווי דערשראקען פון זיין אייגענע דרייסטקייט, א פרעג געגעבען:

— וועמען האט איהר ליעב און וועמען וואלט איהר געקענט ליעב האבען?

די פערעהרערין האט איהם אנגעקוקט, א שמייכעל געטהאן און געענטפערט:

— ליעב האב איך נאך קיינעם ניט...

דעם שריפטשטעלער'ס געזיכט איז העלער געווארען, אין זיינע אויגען האט זיך א גלאנץ בעוויזען, ער איז נאך דרייסטער געווארען און מעהר געפערגט:

— און ווער איז אייער אידעאל?

— מיין אידעאל? — האָט זי איבערגעפרעגט און זיך פערטראַכט, — מיין אידעאל? אין לעבען האָב איך איהם נאָך ניט געטראָפען.

— און וואו יא? — האָט דער שריפטשטעלער, אַראָבפּאַלענדיג ביי זיך, ווידער געפרעגט.

— אין בוך... — האָט זי געלאַכט. — אויב איהר ווילט וויסען, געפעלט מיר שטאַרק הערמאַן פון אייער ערצעהלונג „דער פאַנטאַזיאָר“ — אַ ליעבעסווירדיגער טיפּ....

דער שריפטשטעלער האָט אויף איהר מיט פאָרוואורף אַ בליק געטהאָן און שוואַך געענטפערט:

— אָט דער נאַרישער הערמאַן, אַך מיין גאָט! איך וואָלט אויף איך קיינמאָל נישט געגלויבט....

זי האָט געשמייכעלט און גאָר ניט געענטפערט.

קומענדיג אַהיים האָט דער שריפטשטעלער גענומען זיינע ווערק, אויפגעמישט די ערצעהלונג „דער פאַנטאַזיאָר“ און זיך גענומען לעזען.

הערמאַן האָט ערשיינט פאַר זיינע אויגען ווי לעבעדיג, ווי זיינער אַ בייזער פיינד!

— אָה, דו! — האָט דער שריפטשטעלער געשריען פאַר ווילדען כעס, — דו האָסט זיך מיר אין וועג געשטעלט, דו געמיינער, נאַרישער יונג!

ער האָט געקלאַפּט מיט'ן פויסט איבער די בוכשטאַבען, וואָס בעדייטען הערמאַן און געשריען:

— אָה, ווען איך קען דיך טויטען! ווען איך קען דיך טויטען!

די בוכשטאַבען האָבען געטאַנצט און בייז אויסגעלאַכט פון זייער שעפּפער....

IX

דער איינציגער.

די גאַנצע גאַס, וועלכע הייסט אַלט־מינסקער, בעשטעהט פון צוויי לאַנגע ציילען, מיט קליינע, אַלטע נידריגע הייזלעך, נאָר אין סאַמע עק שטעהט א גרויסעס שעהנעס און שטענדיג נייעס הויז. און אויסזעהן זעהט אויס דאָס דאָזיגע הויז ווי דער פונדאַמענט פון די אַלע קליינע הייזלעך, כאָטש עס שטעהט א ביסעל אָבגערוקט פון די איבריגע הייזלעך, ווי עס וואָלט מורא האָבען אין מגע ומשא צו קומען מיט זיי. — אין די קליינע הייזלעך וואָהנען קליינע אָרימע מענשליך, חיים׳לעך, חייענעלעך, לייבעליך און נאָך אזעלכע נעמען, וואָס האָבען זיך צומישט אין איין נאָמען „קבצנים“, אָדער אביונים, אָדער „אָרימע אידען“. אין גרויסען הויז וואָהנט א מענש, טאַקי א מענש, וואָס הייסט מיכעל זאַוועלס און אזוי הייסט ער טאַקי: מיכל זאַוועלס, א נאָמען וואָס קען ניט צומישט ווערען מיט די איבריגע נעמען פון גאַס. מיכל זאַוועלס איז מיכל זאַוועלס און ניט קיין אנדערער!

מיכל זאַוועלס איז א איד א גביר, און אזוי ווי זיין הויז שיידט זיך אונטער פון די אַלע הייזלעך אין גאַס מיט איהרע שעהנע פענסטער, אזוי שיידט זיך אונטער מיכל זאַוועלס מיט זיינע צוויי גרויסע בייזע, אָבער שעהנע שוואַרצע קלאָרע אויגען, וואָס זיינען, דאַכט זיך, שטענדיג ווי אויסגעווישט, ווי די גרויסע שויבען פון זיינע פענסטער, און קוקען דרייסט, מוטהיג און קלאָר אויף דער גאַס און אויף דער גאַנצער וועלט. און אזוי ווי עס שיידען זיך אונטער די ריינע געפאַרבטע ווענד פון זיין הויז פון די איבריגע הייזלעך אין גאַס, אזוי שיידט זיך אונטער מיכל זאַוועלס בגדים, וועלכע זיינען ריין און ניי און שטאַרק.

אין גאַס הרעהען זיך שטענדיג ארום די מענשען פון די קליינע הייזעלעך. דאָס הייסט: מען געהט אין גאַס. ווער עס געהט, איז

קיינעמ'ס עסק ניט. וואָס מאַכט עס אויס? צו חיים געהט, צו לייבע געהט, צו חייענע געהט? אָבער אז אין דער זעלבער גאַס געהט דורך מיכל זאַוועלס, בעקומט שוין די גאַס גאָר אַן אַנדער פּנים, דאָס הייסט שוין: מיכל זאַוועלס געהט און זאָלען אַלען איינוואָהנער מיט זייערע קינדער פון זייערע הייזלעך אַרויסגעהן אויפ'ן גאַס און זאָל אין דער זעלבער צייט דורכגעהן מיכל זאַוועלס, וועט ער ניט פערמישען זיך אין דער מחנה, ער וועט זיין צווישען די אַלע דער איינציגער, און אַ יעדער וועט איבערגעבען דעם צוויי־טען — מיכל זאַוועלס געהט!

און די אַלע פון גאַס וועלען זיך ווי פערלירען, ניט קענטיג זיין. זעהן וועט זיך נאָר די גרויסע פיגור פון מיכל זאַוועלס, העערן וועלען זיך נאָר די פעסטע זיכערע טריט ז י י נ ע . . .

דעם שדכנ'ס טאָכטער.

קאמעדיע אין איין אקט.

פערזאנען:

נאַטע חייקין, אַ איד פון מיטעלע יאָהרען, מיט אַ ברייטער באָרד, ערטערווייז גראָה, מיט ריהרעוודיג חיטרע אויגען, געהט זויבער געקליידעט, האַלב נייַ־מאָדיש, האַלב אַלט־מאָדיש. רעדט מיט אַ געדיכטער שטימע — אַ שדכן.

ציפע, אַ יודענע, אויך אין די מיטעלע יאָהרען, נאָר זעהט אויס פערעלטערט, דאָס פנים איינגעשמירט אין סאַזשע, עס זעהען זיך אַרויס איהרע גוטע מוטערליכע אויגען, רעדט שטיל און בנעימות — זיין פרוי.

קיילע, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 22, מיט אַן אָריגינעלען געזיכט. שווארצע, קלוגע, אויסדרוקספולע אויגען, געקליידעט אָריגינעל, באַטש איינפאַך. רעדט מיט אַ זאַנפטער שטימע, אָבער גענוג איבערציי־גענד. שנעלע, נערוועזע בעוועגונגען — זייער טאָכטער.

חייקעלסאָן, אַ בחר פון אַ יאָהר 28, אַ לעהרער, שרייבט אויך ליעדער, שדכנט זיך צו קיילען.

הערמאַן ליכטענשטיין, אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק, געהט רייך געקליידעט, אַ שעהנער ברונעט פון אַ יאָהר דרייסיג.

בערטהאַ)
ליזע) יונגע מיידלעך, קיילע׳ס חבר׳טעס.
ראָזע)

די סצענע קומט פאָר אין אַ גרויסער פראָווינציעלער שטאָדט, אין די לעצטע יאָהרען.

די סצענע שטעלט פאָר אַן עס־שטוב, אין מיטען אַ גרויסער טיש,

צוגעדעקט מיט אַ טישטוך, אַרום שטוהלען, ביי אַ וואַנד אַנטקעגען פּובליקום אַן אַלטע קושעטקע איבערגעצויגען מיט אַ שוואַרצע סאַראַטע. אויף די ווענד הענגט אַ זייגער, אַ שפּיעגעל, אַ פּאָר אידישע בילדער. רעכטס פון צימער זעהט זיך אַ טהיר, וואָס פיהרט אין קיילע'ס צימער'ל. ליגקס — אַ צווייטע טיהר פון דעם פאָטער'ס שלאָף־צימער.

ווען דער פאָרהאַנג עפענט זיך, געפינט זיך אויף דער סצענע קיילע, איהרע דריי חבר'טעס און חייקעלסאָן.

קיילע (צו חייקעלסאָן): נו, הערר פּאָעט, האָט איהר עפּעס אָנגעשריבען שעהנע ליעדער פאַר דער לעצטער צייט?

חייקעלסאָן (פערוווירט): ניין... עס איז געווען צו שעהנע טעג. די זון האָט אזוי געשיינט...

קיילע (צולאַכט זיך, קוקענדיג אויף די חבר'טעס): גע־פעלט אייך אַ פּאָעט: עס איז געווען צו שעהנע טעג, איז אַ חסרון! ווען דען זינגט איהר?

חייקעלסאָן: איך זינג נאָר ווען עס איז טריעב און קאַלט — אממעהרסטען ווען עס רעגענט....

קיילע: אַ פּאָעט פון רעגען... חאַ־חאַ־חאַ, ביי אייך רעגענט עס אויך....

ליזע (ערנסט): איך פערשטעה עס יאָ: דער הערר חייקעלסאָן איז מעהר געשטימט אין אַ שלעכטען וועטער.

ראָזע: און איך האָב אַ בעקאַנטען פּאָעט, שרייבט ער דוקאָ נור אין זונען־טעג. איז אַ שעהנער טאָג, ווייס איך שוין, וועט ער מיר ברענגען פאָרלעזען אַ נייע געדיכט.

קיילע: אַלע זייערע געדיכטע זיינען נאַריש. אמת, חיי־קעלסאָן — איהר האָט דאָך ליעב דעם אמת.

חייקעלסאָן (בעליידיגט): פאַר אייך שרייבען מיר ניט. (שפּיעלט זיך מיט'ן בוך אין דער האַנד).

קיילע (לאַכענדיג): אָה, ער האָט זיך שוין בעליידיגט פון מיין קריטיק: זייט רוהיג, איך דרוק מיין מיינונג נישט אָב.

חייקעלסאָן: פּרובט וועלען דרוקען, וועט מען אייך

נישט אננעהמען — ניט אַלע נארישקייטען דרוקט מען... (לעגט אַוועק דאָס בוך).

קײלע: נו, פעטערקע, רעכענט אייך, אז איהר האָט אַ טעות: מען דרוקט ביי אייך אַזוינע נארישקייטען, אַזש די אויערען פוילען (צו די חבר׳טעס) איהר קענט העניע פייטעלזאָהן — איהר ווייסט וואָס פאַר אַ מין אידיאָטקע דאָס איז — איז זיך די דאָזיגע אידיאָטקע מישב און הויבט אָן צו שרייבען.

בערטהא: אָט די אידיאָטקע אין די ברילען!

קײלע: אָט די אידיאָטקע אין די ברילען. פאַרגעסטערן קומט זי צוגעהן צו מיר און ווייזט מיר אַ קארטעל פון אַ רעדאַקציע. און מען מעלדעט איהר אַז איהר ערצעהלונג איז העכסט געלונגען און עס וועט זיין אין גיכען געדרוקט — איצט וועט זי שוין אָנטהאָן צוויי פּאָר ברילען! (לאַכט).

חייקעלסאָן (ערנסט): פרײלין פייטעלזאָהן האָט יאַ טאַלאַנט — איך קען זי זעהר גוט!

ליזע: פון דעסטוועגען זעה איך אייך זעלטען מיט איהר ארומגעהן.

חייקעלסאָן: דאָס איז עפּעס אנדערש: פאַר מיר איז זי ניט אינטערעסאַנט.

קײלע: אדרבא, דוקא זי דאַרף זיין אינטערעסאַנט פאַר אייך: מיט איהר קענט איהר רעדען וועגען ליטעראַטור. וואָס זיינען מיר פאַר אייך, אָרימע שטערבליכע!

חייקעלסאָן: (מיט עקסטאַז, ווענדענדיג זיך בלויז צו קיילע׳ן): פאַר מיר זענט איהר אַליין אַ ליעד. (פערשעהמט זיך).

קײלע (מיט אַ גוטען געלעכטעריל): איהר הערט, מיידלעך — איך אַליין בין אַ ליעד — שיקט מיר אַקאָרשט ניט אוועק אין אַ רעדאַקציע אָבצודרוקען. (פון שלאָף־צימער הערט זיך אַ הוסטען). זעהט איהר, איהר האָט אויפגעוועקט מיין טאַטען... ער וועט אייך דערזעהען, וועט ער ווידער אויף מיר אָנפאַלען: מיין טאַטע האַלט ניט פון פּאָעטען....

ח י י ק ע ל ס אַ ן (בעדייטענד): מיר זיינען פאַר איהם שעדליך. מיר זינגען די ליעבע, און פאַר איהם איז ליעבע סם!

ב ע ר ט ה ע: פאַר וואָס?

ל י ז ע: איך פערשטעה וואוהין חייקעלסאָן ציעלט.

ר אָ ז ע: און איך ניט.

ק י י ל ע (הויך און פריי): מיין טאַטע איז אַ שדכן — אַ גרויסער געגנער פון דער ליעבע. עס איז גאַנץ נאַטירליך...

ח י י ק ע ל ס אַ ן (איראָניש): און איהר זענט דעם שדכנ'ס אַ טאָכטער... איהר האַלט אויך ניט פון ליעבע.

ק י י ל ע (שפּאַסענדיג): אלענפאַלס ניט פון אייער ליעבע צו מיר...

ח י י ק ע ל ס אַ ן (בעליידיגט): ווער האָט אייך דען געזאָגט, אַז איך בין פערליעבט אין אייך....

ק י י ל ע: אייערע אויגען. (צולאַכט זיך).

(דער פאָטער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון טיהר, די צוויי חבר'טעס לאַכען זיך פאַנאַנדער. קיילע דראָהעט זיי מיט די פינגער. זיי קענען זיך ניט איינהאַלטען און לויפען אַרויס ניט זעגענענדיג זיך. חייקעל־סאָן וויל אויך אַרויסגעהן, נאָר נאָטע חייקין, דער פאָטער, געהט אַרויס צו זיי און קנאַקט הויך די פינגער און גענעצט...)

ח י י ק ע ל ס אַ ן (פערווירט): אַ גוט מאָרגען...

ד ע ר ש ד כ ן: מען דאַרף שוין באַלד מנחה דאווענען און איהר זאָגט גוט מאָרגען... מען קען שוין זאָגען גוט־נאָווענד.

ק י י ל ע: דער הערר חייקעלסאָן איז אַ פּאָעט און איז שטענדיג צומראָגען.

ד ע ר ש ד כ ן: אַ פּאָעט... וואָס איז דאָס אַ פּאָעט?... אַ שלימ'מזל, וואָס....

ק י י ל ע (לאַכט): אַ, ווי דער טאַטע פערשטעהט גוט וואָס אַ פּאָעט איז.

ח י י ק ע ל ס אַ ן (בעליידיגט): אַ שדכן וואָס האַנדעלט מיט ליעבע פערשטעהט אודאי וואָס אַ פּאָעט איז.... כאָטש, צו־ריק גערעדט, פּאָעטען קומען צו שדכנים קיינמאָל ניט אָן....

ד ע ר   ש ד כ ן   (מיט פעראַכטונג) :   ווער דאַרף איך האָבען....

ח י י ק ע ל ס אָ ן   (הויבט זיך אויף פון פּלאַץ) :   האָט מיר א גוטען....

ד ע ר   ש ד כ ן   (סאַרקאַסטיש) :   געהט געזונד...

ק י י ל ע   (דערלאַנגט חייקעלסאָנען די האַנד): קומט אַרויף אַמאָל, מיין ליעבער פּאָעט....

ד ע ר   ש ד כ ן   (נאָכדעם ווי חייקעלסאָן געהט אַרויס): דאַרפסט איהם האָבען, דעם שלימ'מזל. צו וואָס טראָגט ער אזא קאָפּ האָר ?....

ק י י ל ע   (שמייכלענדיג) :   א שדכן קען דאָס ניט פערשטעהן....

ד ע ר   ש ד כ ן :   אָט, דיינע בעקאַנטע... אז אַך און וועה צו דיר, טאָכטער !

ק י י ל ע :   נו, אדרבא, דו האָסט דאָך עפּעס א בוך מיט יונגע לייט — גיב מיר עפּעס איינעם א רעכטען...

ד ע ר   ש ד כ ן :   פאַר דיין פיהרונג וועסטו טאַקע קריגען א רעכטען....

ק י י ל ע   (שפּאַסענדיג) :   גיעב טאַקע א חתן... גיעב, גיעב א חתן....

ד ע ר   ש ד כ ן   (בייז) :   אוועק פון מיר !... איך האָב וועמען צו געבען חתנים !

ק י י ל ע :   גיעסט ניט? ווי דו ווילסט זיך (פערטראַכטענדיג זיך), איך האָב שוין אַליין געפונען...

ד ע ר   ש ד כ ן :   אָט דעם שלימ'מזל מיט די לאַנגע האָר.

ק י י ל ע :   אָ, ניין, מאַטינקע, א פיעל בעסערען, א הויכער, א שעהנער, א רייכער...

ד ע ר   ש ד כ ן   (פעראינטערעסירט): וואו האָסטו איהם געקראָגען ?...

ק י י ל ע :   פאַרינגע וואָך בין איך געוועזען אויף א קאָנצערט,

האָב איך זיך מיט איהם בעקענט... ער האָט מיך בעגלייט ביז'ן טיהר....

דער שדכן: גוט נאָך וואָס ניט ביז'ן צימער דיינעם. אויף דיר קען מען אלץ גלויבען....

קיילע: היינט פאַרנאַכט דאַרף ער קומען צו מיר... זאָלסט איהם, טאַטע, גאָר ניט בעליידיגען: ער איז ניט קיין פּאָעט... הערסט!...

דער שדכן: מיינע דאגות! איך האָב וויכטיגערע זאָרג!... (פּערקנייטשט דעם שטערן און פערקלערט זיך שווער — אַ קליינע פּויזע) אָט וועט איך פיהר אויס דעם שידוך וואָס איך האָב די לעצטע צייט אָנגעהויבען צו ריידען דער פאַמיליע גרינשפּאַן...

קיילע: אַ רייכער שידוך?

דער שדכן: איך וואָלט געפּאַקט אַ פּינף הונדערט קערבלאָך... פערשטעהסטו מיך, פּינף הונדערט קערבלאָך....

קיילע: נו, עס געהט צו שווער?

דער שדכן: נישקשה, דער חתן לאָזט זיך ריידען... עס געהט אַ גאַנג.... איך דאַרף טאַקע באַלד אריבערגעהן צו איהם. אַך, וועט גאָט העלפט מיר אויספיהרען דעם שידוך, איך בין אַזוי פערענגט אין געלד... אַזוי פערענגט...

קיילע: גאָט וועט העלפען... נעהם זיך אויף אַלע כלים, קענסט דאָך עפּעס!

דער שדכן: יאַ, מען דאַרף ארבייטען... (ווענדעט זיך צום קיך) ציפּע, ציפּע, וואָס פּאַרעסטו זיך דאָרטען אין קיך, קום אריין!

(עס ערשיינט ציפּע געקליידעט לויט עס איז געשילדערט אויבען).

ציפּע: וואָס דאַרפסטו מיך?

דער שדכן: מאַך מיר אַ גלעזעל טהעע... איך דאַרף באַלד געהן....

ציפּע: טאַקע אַלץ וועגען יענעם שידוך?

דער שדכן (מיט רוגזא): וועגען יענעם שידוך, וועגען יענעם שידוך... איהרע עסקים!...

צ י פ ע (מיט א פרומער מינע) : גאט זאל געבען, אז די כלה זאל געפינען חן אין חתן'ס אויגען. מען דארף אזוי גויטיג געלד.... אין יאטקע אליין בין איך שולדיג שוין איבער 30 קערבּלעך....

ד ע ר ש ד כ ן (בייז) : געה שוין, געה שוין, מאך א גלעזעל טהעע !

צ י פ ע (צוריק געהענדיג): און פאר דירה דארף מען שוין אויך נאך שבת צאהלען... (אב).

ד ע ר ש ד כ ן (פערטראכט זיך שווער, רעדט ווי צו זיך) : אז איך פיהר אוים דעם שידוך, וואלטען זיך געעפענט די אויגען ! די אויגען וואלטען זיך געעפענט. (געהט אום איבער'ן צימער. קנאקט מיט די פינגער).

צ י פ ע (אריינטראגענדיג א גלאז טהעע און אוועקשטעלענדיג אויפ'ן טיש) : טרינק, נאטע, פרישע טהעע, ערשט פערשאטען.... טרינק אפ און געה מאקע אריבער וועגען שידוך....

ד ע ר ש ד כ ן : אט געה שוין געה, איך וויים אהן דיר. (ציפע אב).

ק י י ל ע (קוקענדיג דא אויפ'ן וואנד־זייגער, דא אין שפיגעל) : טאטע, געהסט שוין באלד, הא ?

ד ע ר ש ד כ ן : אנטקעגען וואס פרעגסטו ?...

ק י י ל ע (אויפגערעגט) : אט אזוי... אפשר קומט ער באלד... ער האט צוגעזאגט היינט קומען... (שטאלצער) אז דו ווילסט מיר קיין חתן נישט געבען, דארף מען דאך אליין נעהמען... אמת, טאטע ?...

ד ע ר ש ד כ ן : דיינע חתנים ! אודאי עפעס א שארלאטאן, אדער אזוי א טויגעניכטס....

ק י י ל ע : דאס פערלאז זיך שוין אויף מיר, איך בין דאך עפעס דיינע א טאכטער... איך פערשטעה זיך אויף חתנים !

ד ע ר ש ד כ ן : פון מיינעט וועגען קענסטו חתונה האבען מיט א גאסען־יונג... איך האב בילכערע זאכען צו טראכטען... (הויבט זיך אויף פון ארט און גרייט זיך צום געהן ; צוקעמט ברייט

די באָרד, טהוט אָן די האַרטע הוט און האַלט שוין אין האַנד דעם אויבער־בגד אָנצוטהאָן. אין דער זעלבער צייט קוקט קיילע אין שפּיגעל און פעררילכט איהר פריזור. עס הערט זיך אַ שטיל קלאַפּען אין טיהר).

ק י י ל ע (העכסט אויפגערעגט): אַט דאָס מוז ער געהן.... געה, טאַטישע, אַוועק. (לויפט צום טיהר).

ד ע ר ש ד כ ן: איך וויל איהם טאַקע אָנקוקען...

(עס געהט אַריין הערמאַן ליכטענשטיין, בעמערקט ניט דעם שדכן און דערלאַנגט מיט אַ שיינענד געזיכט קיילע'ן די האַנד).

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן: גוט־נאַבענד, פריילין!

ד ע ר ש ד כ ן (מיט שרעק): דאָס איז דאָך ער, וועה איז מיר — דו חצופה! (ווענדעט זיך צוטומעלט צו ליכטענשטיין) גוט־נאַבענד, גוט־נאַבענד! זיצט.... זיצט, פּאַני ליכטענשטיין....

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (דערזעהט איהם און דערקענט איהם ניט גלייך): עפּעס אַ בעקאַנט פּנים.... אַ בעקאַנט פּנים.... וואו האָב איך אייך געקענט זעהן?....

ק י י ל ע (לאַכענדיג): מיין טאַטען קענען אַ סך... ער איז פּאָפּולער ביי אַלע יונגע לייט....

ד ע ר ש ד כ ן (צו קיילען, שיפּענדיג): שווייג, חצופה, שווייג! (צו ליכטענשטיין) וואָס הייסט, איהר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך ביי אייך פאַריגע וואָך געוועזען וועגען גרינ־שפּאַן'ס מיידעל.... איהר האָט דאָך מיר היינט געהייסען קומען צו אייך נאָך אַ תשובה...

(ליכטענשטיין בלייבט פערווירט, קיילע קוקט איהם אָן בייז. אַ קליינע פּויזע).

ד ע ר ש ד כ ן (צו קיילע'ן): געה אַ ווײַלע אַרויס. איך דאַרף מיט דעם הערר ליכטענשטיין עפּעס שמועסען.

ק י י ל ע (שטרענג): ליכטענשטיין איז ניט צו דיר, נור צו מיר געקומען....

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (קומענדיג צו זיך): ווירקליך, איך בין געקומען צו דער פריילין....

ד ע ר ש ד כ ן (צוטומעלט): עס... צו דער פריילין....

וועלכע פריילין.... דאָס איז דאָך מיינע אַ טאָכטער, דאָס איז ניט די כלה... ס'איז בלויז מיינע אַ טאָכטער... ניט מעהר.

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (שמייכלענדיג גוטהערציג): יאָ, אָבער אייער טאָכטער געפעלט מיר מעהר ווי פריילין גרינ־שפאַן...

ק י י ל ע (צום טאַטען, לאַכענדיג): הערסט, טאַטע, דער הערר ליכטענשטיין פערשטעהט בעסער ווי דו....

ד ע ר ש ד כ ן (שרעקליך אויפגערעגט): אוועק פון מיי־נע אויגען! (צו ליכטענשטיינען) דאַרטען ווארט מען אויף אַ תשובה... זיי צעהלען 5 טויזענד רובעל צו די תנאים...

ק י י ל ע (בייז): טאַטינקע, הער אויף וועגען נדן... דער הערר ליכטענשטיין האַלט ניט פון נדן....

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן: ווירקליך, ליעבער פריינד, עס איז נישט פאַר מיר יענער שידוך... אייער טאָכטער איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען: קלוג, שעהן און אָריגינעל... איך האַלט ניט פון געלד.

ד ע ר ש ד כ ן (צוטומעלט): דאָס פריילין גרינשפאַן איז אַ העכסט געבילדעטע פריילין, שפּיעלט פּיאַנאָ, רעדט פראַנצויזיש און.....

ק י י ל ע: טאַטינקע...

ד ע ר ש ד כ ן (האַקט איהר איבער): מיין טאָכטער, דעם אמת געזאָגט, איז ניט פאַר אייך... אַן אמת האָב איך ליעב צו זאָגען אויף אַן אייגענער טאָכטער... איך בין אַן אַנדער סאָרט מענש...

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (לאַכענדיג): יאָ, עס איז זעהר שעהן פון אייער זייט... אָבער איך האָב מיין בעזונדערן גע־שמאַק. אייער טאָכטער געפעלט מיר דאָך...

ד ע ר ש ד כ ן (פערגעסענדיג זיך אַן אַלץ): מיין טאָכ־טער איז שוין אַ כלה מיט אַ פּאָעט מיט לאַנגע האָר... עס האַלט שוין ביי תנאים!.... (ליכטענשטיין קוקט אָן פראַגענד קיילען).

ק י י ל ע: טאַטינקע, דאָס איז שוין גאָר ניט שעהן...

ווייסט דאָך, אַז עס איז ניט ריכטיג... דער פּאָעט האָט נאָר מיך ליעב, איך איהם, ווייסטו דאָך, אַז ניט.

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן: אָ, איך בין ווייט ניט קיין פּאָעט און דאָך... (קוקט איהר אַריין ליעבליך אין די אויגען — קיילע שטראַהלט פאר גליק).

ד ע ר ש ד כ ן (צוהיצט): מיין טאָכטער האָט ניט קיין קליידער, קיין נדן — פאר אייך איז דאָס ניט קיין כלה.... איהר פערשטעהט.....

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן: אייער טאָכטער איז שעהן אָהן קליידער און רייך אָהן נדן... (קוקען זיך ביידע ליעבליך אָן), איבּריגענס האָב איך אביסעל געלד. איך בין גרייט אַלץ אוועקצוגעבען איהר...

ד ע ר ש ד כ ן (איבעררשט): און וואו בין איך? א טאטען קומט אויך עפּעס.... איך גיב ניט אוועק מיין טאָכטער אומזיסט! איהר פערשטעהט!

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן: איך פערשטעה... איך פערשטעה... אַז איך האָב ליעב אייער טאָכטער, האָב איך ליעב אייך... איך וויל אייך ניט בעליידיגען. (נאָך אַ קורצער פּאוזע) קענט איהר מיר ניט זאָגען, ליעבער פריינד, וויפיעל וואָלט איהר בעקומען ווען איהר פיהרט אוים דעם שידוך מיט פריילין גרינשפּאַן מיט מיר?

ד ע ר ש ד כ ן (אויפגעלעגט): 5 הונדערט קערבלעך! איהר פערשטעהט!

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן: די סומע בעקומט איהר פון מיר ווי באַלד איהר גיט נאָר אייער ברכה...

ד ע ר ש ד כ ן (ווי שיכור פאר גליק: הויבט אויף די הענד צום בענשען): איך ווינש אייך איהר זאָלט...

ק י י ל ע (איבערשלאָגענדיג): מיר וועלען זיך בעגעהן אָהן דיין ברכה, טאטע...

ד ע ר ש ד כ ן (לאַכענדיג צופריעדען): האָב איך אזא

יאָהר וואָס פאַר אַ כלה דאָס איז פאַר אייך... פרײלין גרינשפּאַן קומט אַזוי צו איהר, ווי אַ קאַטץ צו אַ לייב...

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן : איך ווייס דאָס אַלץ אַליין...

ק י י ל ע (לאַכענדיג) : און וואָס זאָגסטו אויפ'ן חתן, דו ביזט דאָך אַ מבין...

ד ע ר ש ד כ ן (אַריינגעהענדיג אין זיין ראָלע) : דער חתן איז אַ מושלם, אַ שרייבער, אַ זינגער, אַ פּאַרשוין און אַ פערדיענער.

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (לאַכענדיג) : אַזוי בין איך פערשריעבען אין ביכעל ביי אייך ?

ק י י ל ע : טאַטע, איצט געה זיך דורך אַביסעל... איך האָב מיט ליכטענשטיינען עפּעס צו ריידען...

ד ע ר ש ד כ ן : יאָ, קינדערלעך, איך וועל מיר דורכגעהן... (צו ליכטענשטיינען) אַך... ס'אַ פערגניגען וואָס איך דאַרף צו אייך ניט געהן דולען אייך אַ קאָפּ מיט פרײלין גרינשפּאַן...

(פון קיך ווייזט זיך ציפּע'ס קאָפּ.)

צ י פּ ע (ניט זעהענדיג ליכטענשטיינען) : פאַר וואָס געהסטו שוין ניט, נאַטע, אַריין וועגען שידוך... האָסט דאָך גענדאַרפט געהן...

נ אָ ט ע : ס'איז שוין אויס שידוך ! אויס שידוך !

צ י פּ ע : וועה איז מיר — ווער האָט דאָס קאַליע געמאַכט ?

(זי געהט אַריין אין צימער און בלייבט פערשעהמט.)

נ אָ ט ע : ווער האָט דאָס קאַליע געמאַכט טאַקע אונזער טעכטעריל... זעהסט, זי האָט צוגענומען דעם חתן... געה טהו איהר עפּעס.

צ י פּ ע (שמײכלענדיג פאַר גליק) : זאָל זיין מיט מזל !

(ליכטענשטיין מיט קיילע'ן קוקען זיך ליעבליך אָן, געהען לאַנגזאַם אַריין אין קיילע'ס צימער. ציפּע געהט אַריין אין קיך. נאָטע בלייבט שטעהן שטאַרק פערקלערט וועגען אַ טיעפען ענין. — לאַנגע פּאוזע).

(עס עפענט זיך די טיהר און עס געהט אַריין דער פּאָעט חייקעלסאָן).

ד ע ר ש ד כ ן (קוקט איהם אָן מיט פּעראַכטונג): ווידער דאָ.

ח י י ק ע ל ס אַ ן (מיט גרעסערער פעראַכטונג): איך האָב דאָ פערגעסען מיין בוך.

ד ע ר ש ד כ ן (חיטרע): מיר ווייסען, מיר ווייסען.... מען פערגעסט דעם בוך, כדי נאָך אמאָל צו קומען. אָבער, פעד־טערקע, אומזיסט....

ח י י ק ע ל ס אַ ן (שטארק פערשעמט ווערענדיג): איהר מישט זיך ניט... מיט אייך האָב איך קיינע געשעפטען ניט.... מענשען וואָס האנדלען מיט די העכסטע געפיהלען...

ד ע ר ש ד כ ן (ווערט פלוצלונג בעגייסטערט מיט אַ איי־דעע. נעהמט אריין די באָרד אין האַנד און זינגט עפּעס אַ ניגון'דל וואָס ווערט געזונגען ביי אַ שווערע שטיקעל גמרא)

ח י י ק ע ל ס אַ ן (גרייט זיך צו געהן).

ד ע ר ש ד כ ן (שנעל): שטעהט, שטעהט, יונגערמאַן. איך האָב אייך געוואָלט עפּעס זאָגען. שטעהט!

ח י י ק ע ל ס אַ ן (קעהרט זיך אום, קוקט דעם שדכן אָן פער־וואונדערט און מיט שטאָלץ).

ד ע ר ש ד כ ן (בעטראַכט חייקעלסאָנ'ען פון קאָפּ ביז די פיס): הם... הם... (פערטראַכט זיך). גאָר נישקשה, גאָר נישקשה... כ'לעבען. אַן ענין... (צו חייקעלסאָנ'ען) זאָגט מיר, איך בעט אייך... זיצט... זיצט, למאי זאָלט איהר שטעהן... זיצט.

ח י י ק ע ל ס אַ ן (פערוואונדערט): עס שאַדט נישט.... עס שאַדט נישט...

ד ע ר ש ד כ ן (זעהר גוטהערציג): זאָגט מיר, איך בעט אייך... פון וואַנען זענט איהר אליין?...

ח י י ק ע ל ס אַ ן (מיט שטאָלץ): אַ ווילנער.

ד ע ר ש ד כ ן (צופרידען): אזוי... אַ ווילנער.... ווילנע איז אַ היבשע שטאָדט... איך קען ווילנע. ווילנע איז אַן אַלטע יחוס שטאָדט.... יאָ, ווילנע קען איך. (פּאוזע) און ווי אַלט זענט איהר?....

חייקעלסאַן: 25 יאָהר.

דער שדכן: ווי אזוי זענט איהר בעפרייט געוואָרען פון פריזיוו?

חייקעלסאַן (קורץ): א בן־יחיד.

דער שדכן (צופרידען): א בן־יחיד הייסט עס... (כאַפּט אַרויס דאָס ביכעל און שרייבט).

חייקעלסאַן (פערוואונדערט): אנקעגען וואָס איז דאָס?

דער שדכן (געשעפטסמעסיג): דאָס איז שוין מיין געשעפט.... איהר וועט באַלד הערען! (שמייכלענדיג זיס) זאָגט מיר, ווען איך גיב אייך א כלה, וואָלט איהר גענומען?...

חייקעלסאַן (פערווירט): א כלה.... ניין. איך דאַרף ניט א כלה... דורך א שדכן... פאַר מיר פּאַסט דאָס ניט.

דער שדכן: עט, נאַרישקייטען. וואָס הייסט פאַר אייך פּאַסט עס ניט... איך ווייס מעהר ניט צי וועט דאַרטען פּאַסען... זיי קלייבען דאָרט... די גרינשפּאַנס... (בעטראַכט איהם געניי) הם... א גאַנץ פיינער בחור, כ׳לעבען... (בעמערקט די לאַנגע האָר פון הינטען) זי זוכט נאָר א שעהנעם. יאָ, אַט דאָס מאַכט אייך קאַליע — די האָר... צו וואָס טראָגט איהר אזוינע לאַנגע קודלעם? — צו א שידוך איז דאָס גע׳הרג׳עט...

חייקעלסאַן (מיט הכנעה): די האָר קען איך אָבשערען. איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגען דעם...

דער שדכן: אַט וועט איהר זיין א חוואַט... די האָר טאַקי שערט אָפּ... פערשטעהט איהר מיך... און (קוקט איהם אָן מיט א ספּעציעלען שדכנ׳ישען שמייכעל) איהר וועט קריגען א כלה...

חייקעלסאַן (שעמעוודיג): א כלה... כ׳ווייס... א כלה (ראַש) עפּעס א שעהנע?...

דער שדכן (שטרענג): א רייכע!...

חייקעלסאַן: א רייכע! און שעהן גאָר ניט?...

דער שדכן: שעהן.... שעהן.... נעהמט נאָר אראָפּ די האָר.... און לאָזט מיר אייער אדרעס.

חייקעלסאָן (הויבט אָן דיקטירען): פראַנציסקאַנ־סקאַ... (עס געהט אריין קיילע. נאָך איהר ליכטענשטיין. חייקעלסאָן שטאַרק פערשעמט, הערט אויף צו דיקטירען).

קיילע: אך, הערר פּאָעט! איהר זענט וויעדער דאָ?...

חייקעלסאָן: איך האָב דאָס בוך דאָ פערגעסען...

דער שדכן: א בוך.... א בוך.... ס'וועט געהן א גאַנג, ס'וועט געהן....

חייקעלסאָן (ווינקט צום שדכן).

דער שדכן: עס שאַדט ניט... עס שאַדט ניט.... אייגענע מענשען.

קיילע (לאַכענדיג): יא, טאַטע, עס וועט געהן א גאַנג. א פּאָעט איז אַמאָל אויך פּראַקטיש — וויפיעל גיבען זיי, די גרינשפּאַנס?... (קוקט אָן ליכטענשטיינ'ען און שמייכעלט).

חייקעלסאָן (קוקט זי אָן בייז): נישט אייער געשעפט!

דער שדכן: קריעג זיך ניט, טאַכטערקע, ער איז א וואוילער בחור, א גאַנץ וואוילער בחור.... עס וועט געהן א גאַנג.... איך געה טאַקי אריבער צו די גרינשפּאַנס. (צו חייקעלסאָן) נאָר די האָר למען השם.... די האָר אראָפּנעהמען...

(חייקעלסאָן געהט אַרויס. נאָך איהם קיילע מיט ליכטענשטיינ'ען).

דער שדכן (בלייבענדיג אַליין): קען געמאָלט זיין, הייסט עס, אַז איך זאָל נאָך האָבען פּרנסה אין צווייען.... און דערצו האָט מיין טאָכטער א וואוילען חתן.... (פרעהליך) ציפּע, דערלאַנג א גלאָז טהעע — די איז קאַלט געוואָרען...

(פאָרהאַנג).

אינהאלט:

1. ערצעהלונגען

זייטע

די פערוואנדלונג 5
אָהן אַן אדרעס 15
די דרייצעהנטע 21
דאָס אינטעליגענטע הויז 31
אין יענער צייט 37
דער פּראָטעסט 45
אין מיטען דערינען 55
אַ שפּיעל 63
די מלכה 75

2. רייזע איינדרוקע

דער ליטעראַרישער פעטער 85
די וועטשערינקע 93
אַ גרויסער מענש 101

3. אמעריקא

צוויי מיידלאַך אין קאָונטרי 107
דער שפּאַניער 121
דער אַלטער 131
די הינקעדיגע טענצערין 139

4. מיניאטורען

זייטע

דער טויט אין רענעסאַנס 147
ביכער 151
דער הייליגער 155
די בענגעניש 159
מיין חבר 162
דאָס גאָלדענע טרומפּייטעל 165
די לשון קודש'דיגע 168
אייפערזוכט 171
דער איינציגער 173

---

5. דעם שדכן'ס טאָכטער

אַ קאָמעדיע אין איין אַקט 175